STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09575

LIBE-BRIV UN LIDER

Yitzik Fraiman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

איציק פֿריימאַן

ליבע-בריוו
און
לידער

יעקב גאָרעליק

איציק פריימאַן

ליבע־בריוו

און

לידער

פֿאַרלאַג "נס", ירושלים 1989

YITZIK FRAIMAN

LOVE LETTERS
and
POEMS

געגרייט צום דרוק און הקדמה — יאָסל בירשטיין

Printed in Israel

די איינציק פֿאַרבליבענע פֿאָטאָגראַפֿיע פון איציק פֿרײַמאַן

אינהאַלט

ערשטע טייל — ליבע-בריוו 13
צווייטע טייל — לידער 53
קיינער ווייסט ניט 55
אַ בריוו 56
צו .J.B 57
דעם פֿינפֿטן אויגוסט נײַנצן דרײַסיק 60
בײַטאָג 61
עס וועט קומען 62
קוילנגרעבער סטרײַק 64
איך בין שוין מיד צו טראָגן אויף מײַנע אַקסלען 66
אונדזער אָוונט ברויט 67
דערפֿילטע גבורה 68
אין פֿאַל פֿון קריג 69
צום ערשטן מאַי 72
דאָס ליד פֿון מר. אונטערגייער 73
נאָוועמבער 75
קאַרל מאַרקס 79
נעם און צינד 84
איך וואַרט אויף פֿריידיקן באַפֿעל 85
מחכּה לשמוע את פּקודת האש 86

ס׳האָט זיך אָנגעהויבן בײַ איטען אין שטוב.

אין זומער פֿון יאָר 1988, ווען איך בין אײַנגעשטאַנען בײַ איר אין ניו-יאָרק, האָט זי מיר געגעבן צו לייענען דרײַ בריוו און אַ קליין ליבע-ליד פֿון איינעם אַ פֿרײַמאַן. איציק, האָט זי אים גערופֿן.

ווען איך בין שפּעטער אַרײַנגעקומען צו איר אין צימער זיך נאָכפֿרעגן אויף דעם איציק פֿרײַמאַן, ווײַל אפֿילו אין דעם קורצן ליד האָט זיך אָנגעזען דער פּאָעט, און אין די בריוו — אַ שרײַבערישער כוח, איז איטע געשטאַנען לעבן איר בעט אויף וועלכן ס׳זענען געווען אויסגעלייגט פּעקלעך מיט אַלטע דאָקומענטן. אַ באָרוועסע, אין אַ לײַכטן, קורצן שלאָפֿראָק, מיט איר פּנים צו די ליכטיקע פֿענצטער און אויסגעדרייט צו מיר מיט איר פּלייצע, איז זי נאָך אַ מאָל געווען דאָס יונגע מיידל צו וועלכער איציק פֿרײַמאַן האָט מיט זעכציק יאָר צוריק געשריבן זײַנע בריוו.

״ס׳איז דאָ נאָך״, האָט איטע דעמאָלט געזאָגט.

פֿון די זיבעצן בריוו וואָס האָבן זיך אָפּגעפֿונען און פֿון די פֿיר קליינע לידער, איינס נישט פֿאַרענדיקט, איז שוין נישט געווען קיין ספֿק אַז פֿון דעם גרויסן הפֿקר אין אונדזער לעבן, אין וועלכן איציק פֿרײַמאַן איז פֿאַרפֿאַלן געוואָרן, האָט זיך אָפּגעראַטעוועט אַן אמתער פּאָעט.

די פּרטים וואָס איטע האָט מיר דעמאָלט דערציילט וועגן אים, האָב איך שפּעטער געפֿונען פֿאַרצייכנט אין דעם לעקסיקאָן פֿון דער יידישער ליטעראַטור און אין דער זאַמלונג ״פּראָלעטפּען״, וואָס איז דערשינען אין קיעוו אין יאָר 1935, רעדאַקטירט פֿון אַלעקסאַנדער פּאָמעראַנץ.

איציק פֿרײַמאַן איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1908 אין בעלץ, בעסאַראַביע. צו צען יאָר האָט ער אָנגעהויבן אַרבעטן, צו ערשט אין אַן אייל-פֿאַבריק און שפּעטער — אַ טאָקער. אין יאָר 1927 האָט ער

עמיגרירט קיין אַמעריקע. אין זעלביקן יאָר האָט ער אָנגעהויבן שרײַבן. זײַנע לידער האָבן זיך געדרוקט אין לינקע צײַטשריפֿטן. ס'איז פֿאַרבליבן ערגעץ אין כתב-יד אַ דראַמע: "רעלסן" און אַ פּאָעמע: "פּסיכאָלאָגישע געאָגראַפֿיע".

איציק פֿרײַמאַן האָט געשטעלט זײַן שרײַבן אין דינסט פֿון אַ רעוואָלוציאָנערער אידעע נוסח מאָסקווע. אַ ליד געשטעלט אין דינסט פֿון אַן אידעע איז אין גרויס סכנה ס'זאָל ווערן פֿון דעם זייער שנעל אַש-און-פּאַרעך. דאָס איז טאַקע געוואָרן פֿון אַלע לידער וואָס עס איז מיר אויסגעקומען צו לייענען, זוכנדיק איציק פֿרײַמאַנס שרײַבן, אין די צײַטשריפֿטן וואָס איך האָב געפֿונען פֿון יענע יאָרן 1927—1936, אין די קעלערן פֿון דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק לעבן העברעישן אוניווערסיטעט אין ירושלים. הונדערטער לידער פֿון פּאָעטן קליין און גרויס און אַפֿילו פֿון גאָר באַרימטע פּאָעטן אין אַמעריקע און אין רוסלאַנד — זײַטלעך גראַמען-פּלאָפּלערײַ. בער-געלעך שטויב. נישט אַזוי איציק פֿרײַמאַנס ליד. ס'האָט אויסגעהאַלטן די סכנה און פֿאַרהאַלטן אין זיך אַ פּאָעטישן חן. דאָס ליד "קאַרל מאַרקס" וואָס איז דורכגעפֿלאָכטן מיט אויסגעדראָשענע לאָזונגען און מיט פּלאַקאַטישע געשרייען גיט אַ תּיקון קאַרל מאַרקסן ווען באַלד אין אָנהויב פֿון ליד שײַנט ער אַרײַן מיט האָפֿנונג אין דער אָרעמער שטוב פֿון דעם טאַטן דעם שוואַרצאַרבעטער. אינעם ליד "איך וואַרט אויפֿן פֿריידיקן באַפֿעל" האָט נישט דער יונגער פּאָעט קיין ביקס אויף צו שיסן אַ קויל אינעם האַרץ פֿון דעם שונא, איז ער גרייט זיך אַליין אָנפֿילן מיט דינאַמיט און זיך אַרײַנשיסן ווי אַ קויל. צי וואַרפֿט זיך נישט איבער דאָס ליד מיט די געשעענישן פֿון אונדזערע צײַטן ווען אַ ייִנגל אין איראַן אָדער אַ מיידל אין לבנון זעצן זיך אַרײַן אין אַן אויטאָ מיט דינאַמיט און רײַסן זיך אויף אין האַרץ פֿון שונא. זיי טוען דאָס אין נאָמען פֿון "חומייניזם" וואָס מען רופֿט אַן פֿאַנאַטיש, פֿינצטער, אָבערגלויבעריש. אָבער אָט, נאָך מיט זעכציק יאָר צוריק, איז שוין אַ יונגער בחור פֿון רומעניע גרייט געווען טאָן דאָס זעלבע אין ניו-יאָרק, אין נאָמען פֿון אַן אויפֿגעקלערטער

אידעע וואָס האָט געפּרעדיקט ראַציאָנאַליזם, וויסנשאַפֿטלעכן מאַרקסיזם.

אין יענע יאָרן האָט זיך שוין אָנגעזען אין אַמעריקע די אינ-זיכיסטישע גרופּע פּאָעטן וואָס האָבן געצילט צו פֿאַראיכן דאָס ליד כּדי עס זאָל אַריבער די גרענעצן פֿון פּערזענלעכן איך. דער איכישער כּוח שלאָגט אַרויס פֿון איציק פֿרײַמאַנס פֿרײַען פֿערז. צו מאָל דאַכט זיך אַז ער איז געגליכן צו אַ רייטער אין אַ געיעג און ער שפּרינגט אומגעריכט איבער שורות ווי דער רײַטער אין געלויף טוישט פֿערד.

איטע האָט מיר דערציילט, אַז נאָך זײַן לעצטן בריוו צו איר אין יאָר 1934, האָט זי מער פֿון אים נישט געהערט. אַ סברה אַז באַלד נאָך דעם איז ער געוואָרן גײַסטיק קראַנק, אַרײַן אין אַ שפּיטאָל און שוין מער פֿון דאָרטן נישט אַרויס.

אַ רײַ צופֿעליקייטן האָבן דערמעגלעכט אַז דאָס וואָס עס האָט זיך אָפּגעפֿונען פֿון איציק פֿרײַמאַנס שרײַבן זאָל ווערן אײַנגעזאַמלט אין בוכפֿאָרם. איצט וועט ער שוין בלײַבן און דויערן.

ערשטע טייל

בריוו

13.1.1929

אוי טײַערע איטע

עס דאַרף דיך ניט וווּנדערן וואָס איך שרײַב דיר אַ בריוו בלויז אַ פּאָר טעג נאָך דעם ווי דו ביסט אַוועקגעפֿאָרן. איך אײַל זיך צו דיר מיט אַ וווּנדערלעכער בשורה. איך בין רײַך מיט אַ גרויסן אוצר נאָר איך ווייס ניט ווי אַזוי אים אָנצורופֿן... גיב מיר אַ וואָרט וואָס זאָל מיר זאָגן עפּעס מער ווי בענקשאַפֿט. גיב מיר אַ וואָרט וואָס זאָל זאָגן עפּעס מערער ווי פּײַן. גיב מיר אַ וואָרט וואָס זאָל אַרומנעמען עפּעס טיפֿערס פֿון לײַדן. איך ווייס, איטע, אַז ווערטער קאָנען גאָרניט זאָגן.

נאָר דאָך ווי אומגליקלעך וואָלט איך איצט געווען ווען איך וואָלט ניט געקאָנט כאַטש דורכן הוילן שאַרך פֿון דער פּען דערהערן דײַן צערטלעך פֿאַרבענקטע שטים, דערפֿילן דעם פֿרישן, בליענדיקן ריח פֿון דײַן גאַנצן וועזן. איך האָב דאָך אַזוי לאַנג געבענקט נאָך דיר, טײַערע. וויפֿל נעכט איך האָב שוין וועגן דיר געחלומט. נאָך אַ מאָל ווען איך פֿלעג שלאָפֿן אין פֿעלד, פֿלעגסטו מיר קומען צו חלום אין דער געשטאַלט פֿון... דער לבֿנה און פֿלעגסט וועבן אַזוי פֿיל שיינע אוזאָרן מיט עפּעס טויזנטערליי קאָלירן. און דאָס האַרץ פֿלעגט אַזוי ציען, אַזוי נאָגן, איטע...

און מאָדנע, עס פֿלעגט זיך מיר דאַכטן אַז אָט האָסט פֿאַרגעננוגן פֿון דעם וואָס עס האָט מיך גענאָגט ווײַל אָט פֿלעגסטו זיך באַהאַלטן פֿון מיר און אָט ווידער באַווײַזן. איך פֿלעג דערנאָך אָפּזיצן שעהענ-ווײַז און קוקן אויף יענעם אָרט וווּ זי דאַרף אויפֿגיין, און וואָלאָדיאַ, מײַן שייגעץ-חבֿרל, פֿלעגט זיצן לעבן מיר און זיך וווּנדערן פֿאַרוואָס איך בין אַזוי פֿאַרטראַכט און קוק שטענדיק אַרויף... וואָס זאָל איך אים געווען זאָגן אַז ס׳איז מיר נאָך אַליין גאָרניט געווען קלאָר, אַז איך האָב נאָך אַליין ניט געוווּסט אַז ערגעץ אויף אוקראַינער

פֿעלדער צינײַטיקט און בליט אַזאַ גערײַטענער געשאַנק פֿון דער נאַטור.
אוי, איטע, עס איז מיר אַזוי שווער דאָס אַלץ צו דערציילן...

וואָס פֿאַר אַ גרעסער גליק קאָן זיך אַ מענטש ווונטשן אויפֿן אייבאונצוואַנציקסטן יאָר פֿון זײַן לעבן?... קום נאָר אַהער מײַן פֿרײַנט, דו האָסט זיי אָנגעצונדן אַלע אייבאונצוואַנציק אויף אַ מאָל אַזוי ווי די זון וואָס פֿלעגט זיך אַלע אינדערפֿרי אונטערכאַפּן אונטער מײַן צוקאָפּנס און אונטערצונדן אָט אַ יענעם טרוים... איז נאָ, כ׳גיב זיי דיר אַוועק אַזוי אָנגעצונדענערהייט...

*

איך האָב איבערגעלייענט ביז אַהער און ~~פֿאַרזוך~~ פֿאַרנעמען מײַן שטראָף, נאָר איך האָף אַז דו וועסט מיר פֿאַרשטיין, איטקע. ווען דו וועסט אָנהייבן צו שרײַבן וועסטו עס דערפֿילן. איך ווייס נישט צוליב וואָס איך זאָג דאָס, נאָר זאָל זײַן. איך וויל דיך שטאַרק זען. איך געדענק גאָרניט צי מיר האָבן זיך געזעגנט... איך האָב געהערט ווי דורכן חלום, ווי דו האָסט געזאָגט, זײַ אַ גוטער בחור, אפֿשר האָב איך דיר עפּעס געענטפֿערט. איך האָב נאָר דערפֿילט ווען דו האָסט אַ מורמל געטאָן "גודבײַ", אַז עפּעס אַ שנײַדיק שאַרפֿס איז אַראָפּגעפֿאַלן ביז אין די סאַמע טיפֿענישן פֿון מײַן נשמה. ס׳האָט שרעקלעך וויי געטאָן, איטע, דערנאָך... דערנאָך בין איך אַרומגעלאָפֿן זוכן די זון וואָס איך האָב דיר צוגעזאָגט פֿאַר דײַן אַוועקפֿאָרן...

איך האָף, איטקע, אַז מיר וועלן זיך אינגיכן זען. אויב דו וועסט ניט קענען קומען קיין ניו־יאָרק ווייסטו דאָך אַז פֿונדאַנען גייט אויך אַ באַן. אַ! אַ! ווי זי שנײַדט עס דורך די גרעסטע בערג! יאָ, יאָ, איטקע, דערווײַל קעצל מײַנס רײַב דיר ניט אַזוי דאָס קאַרנאָסע נעזל דײַנס, און טשעפּע ניט די אייגלעך דײַנע מיט די פֿינגער, דו האָסט זיי גענוג אָנגעשטרענגט דאָ בײַ דײַנע קלוגע זאַכן. דו מיינסט אַז דו ביסט בײַ זיך דאָרטן, מעגסטו שוין אַלץ טאָן? איצטער ווילסטו מן הסתם וויסן וואָס האָט זיך פֿאַרלאָפֿן פֿאַר דער צײַט וואָס דו ביסט אַוועקגעפֿאָרן — קיין ראָד האָט זיך ניט געוואָלט דרייען און קיין

האַנט האָט זיך ניט געוואָלט רירן פֿון אָרט, נאָר ווי ס'ניט איז, האָבן מיר דורכגעפֿירט די דערשײַנונג פֿון דעם זשורנאַל. קיין גרויסער עולם איז ניט געווען ווײַל אין דעם טאָג איז געווען אַ גרויסער סימפּאָזיום פֿון דער פּאַרטיי. נאָר דעם סוף וועל איך דיר באַשרײַבן כּאָטש איך ווייס אַז דו וועסט זיך ערגערן וואָס דו ביסט ניט געווען. עס איז געווען אַזוי נאָך דעם ווי די פּראָגראַם איז געווען געענדיקט איז שוין פֿאַרשטייט זיך גאַרניט געווען וואָס צו טאָן איז מען געשטאַנען און מע האָט זיך געוויצלט, עפּנט זיך די טיר און סע באַווייזט זיך...

איז געוואָרן יום-טובֿ. מיר האָבן אויסגעשטעלט אַ רעדל פֿון בענקלעך און אין מיטן געלאָזט צוויי, ס'הייסט, אויב וועלן, ער וועט וועלן, וועט ער זיך זעצן. האָט ער זיך מסתמא אויף ביידע ניט אומגעקוקט און ער האָט זיך צווישן אונדז געשטעלט און ער האָט אונדז דערציילט דרײַ וווּנדערבאַרע מעשהלעך... נאָר איך זע אַז דו רײַבסט דיר שוין ווידער דאָס נעזל, פֿאַרוואָס דו ביסט אויך ניט געווען, וויל איך דיר מער ניט דערציילן. דעם זשורנאַל וועל איך דיר שיקן "פּאָ פּאָטשטע".

שרײַב מיר ווי אַזוי דײַן "דזשעקעט" האָט געווירקט אויף מאָנטרע-אָל. צי די פֿרעסט האָבן צוליב דעם זיך פֿאַרשטאַרקט אָדער עס איז פּונקט אַזוי קאַלט ווי פֿריער. נו, מיט דעם איטקע, וועל איך דערווײַל פֿאַרענדיקן דעם בריוו. איך וואָלט דיר נאָך אַ סך אַ סך געשריבן, איז אין טינטער שוין נישטאָ קיין טינט... זײַ מיר געזונט, איטע, און שרײַב מיר תיכף.

דײַן טיף לײַדנדיקער חבר וואָס בענקט נאָך דיר אַלע רגע.

שרײַב מיר אויפֿן אַדרעס פֿון אוניווערסיטעט.

31.1.1930

קלוגער קאָפּ מײַנער —

איך האָב דיר ערשט נעכטן אַוועקגעשיקט אַ בריוו. און הײַנט האָט מיר חנה אָפּגעגעבן דײַן בריוול. בין איך צופֿרידן וואָס איך קאָן הערן פֿון דיר כאָטש אויף אַזאַ אופֿן. אפֿשר בין איך אַפֿילו דאָס אויך נישט ווערט, דערפֿאַר דאַנק איך דיר פֿון טיפֿן האַרצן פֿאַר דײַן שרײַבן (דײַנע באַמערקונגען וועגן קליין-בירגערשאַפֿט, ווייס איך אַליין נישט ווי אַזוי אויסצוטײַטשן. איך בין אויך נישט תמיד ערנסט, נאָר שטענדיק שפּאַסן?). דו חידושט זיך וואָס איך בין פּלוצלינג געוואָרן אַ בעל-דבֿר — אַז איך האָב גאָרניט גערעדט, דאָ איז מיר בײַגעשטאַנען דער זכות פֿון דעם פּראָלעטאַריאַט, און יענע וואָך האָב איך געאַרבעט, און זייער ערנסט. האָב איך שוין געמוזט פֿאָרן גלײַך פֿון דער אַרבעט נאָך דער פֿרײַהײַט. דעם אמת געזאָגט האָב איך זיך ניט געפֿילט אַזוי באַקוועם. ס'האָט געקאָנט הייסן אַז איך וויל זיך אַרויסשטעלן פֿאַר דער וועלט אין "האָוועראַלס" און מיט יפֿה'ן האָב איך זיך געדונגען מיט די הענט אין די קעשענעס... נאָר ווען איך האָב אַרויסגענומען דאָס געלט אויף צו באַצאָלן, האָט ער, ווײַזט אויס, דערזען מײַנע פֿאַרשמירטע הענט, און ער האָט זיך באַהערשט. פֿאַרשטייסט? ער זאָגט: זאָל זײַן כאָטש, די "פֿרײַהײַט" קען נאָך אויסשטיין די הוצאות פֿאַר אַ וואָך "פֿרײַהײַטס". גלײַך ווען איך זאָל געוווען קומען אָפּגעוואַשן בין איך ניט קיין אַרבעטער. איך האָב זיך געוואָלט אָפּזאָגן פֿון דעם מילכיקן חסד, נאָר איך האָב פּשוט רחמנות געהאַט אויף אים פֿאַר זײַן געוויסן-ביסן ווי דער דײַטש זאָגט. נו, און וועגן יושר? ביזטו טאַקע גערעכט, געדאַרפֿט גלײַך אַרײַנלייגן אַ פּאָר לידלעך אין דעם ערשטן בריוו. די זאַך איז וואָס איך באַקום דײַנע בריוו בלויז איין טאָג שפּעטער, נאָך דעם ווי איך שיק אַוועק מײַנע. שיק איך דיר איצטער דרײַ.

איך האָף אַז דו וועסט מיר שרײַבן אויספֿירלעך דײַן מיינונג און צי זיי זענען דרוקפֿעיק. וועגן דעם זשורנאַל האָב איך ניט געהערט. איך געדענק ניט אַז מיר זאָלן האָבן עפּעס געשריבן אַזוי אָדער אַנדערש. זאָל בלײַבן בײַ דיר דער (איך שעם זיך פֿאַרן וואָרט) מאַנוסקריפּט. אַ גוטע נאַכט, איטקע.

דײַן חבר איציק

10.3.1930

טײַערע — איך ווייס ניט וויפֿל עס וועט מיר נאָך אויסקומען צו וואַרטן אויף אַ בריוו פֿון דיר. איך ווייס נאָר אַז אַלע טאָג שטיי איך אויף מיט אַ נײַער האָפֿנונג, מיט אַ טרייסט אַז ערגעץ וואַרט שוין אויף מיר אַ בלויער קאָנווערט מיט דײַן פערלדיק פֿאַרשײַטער האַנט־שריפֿט, אַזוי פֿאַרשײַט און אַזוי ווילד טאַקע ווי דו אַליין ביסט. ווי דײַנע האָר, וואָס זענען שטענדיק צעוואָרפֿן מילד אויף דײַן קינדישן שטערן. (רוק אַרויף דאָס היטל.) און איך יאָג זיך אַזוי איבער די זוניקע גאַסן און פֿאַרשטיי אַליין נישט פֿאַרוואָס קומט עס מיר אַזאַ גליק. און איך טראַכט אַז אפֿשר האָסטו זיך גערדאַרפֿט אָנשטרענגען צו שרײַבן, און אפֿשר ביסטו געווען מיד און דו האָסט זיך געדאַרפֿט לייגן שפעט שלאָפֿן, און עס הויבט מיר שוין אָן באַנג צו טאָן. פֿאַרוואָס האָסטו זיך געדאַרפֿט אַזוי אײַלן? וואָס איז דען אייגנטלעך אַ בריוו? אַז אָט זע איך דיך קלאָר פֿאַר מיינע אויגן, אַז אָט פֿיל איך דיך נאָענט, אַזוי נאָענט ווי איך פֿיל דאָס קלאַפּן פֿון מײַן אייגן האַרץ. און עס קומט מיר עפּעס אויס קאָמיש דער געדאַנק אַז איך לויף דאָס אַזוי זען צי איך האָב פֿון דיר אַ בריוול אין דער צײַט ווען דו ביסט גאָר דאָ... אָבער די "אײַזערנע געזעצן פֿון דער ווירקלעכ־קייט" גייען זיך זייער וועג. איך קער זיך אום מיט ליידיקע הענט און מיט אַ פֿרישן ווייטיק, וואָס איך קען פֿאַר קיינעם ניט אַרויסרעדן און מיט גאָרניט פֿאַרבײַטן, סײַדן אויף דעם ביטערן רויך פֿון מײַן ליולקע, און אויף מײַן פֿאַרביסענעם שווײַגן. מיין ניט אַז עס טוט מיר ניט וויי וואָס איך דאַרף דיר אַזוי שרײַבן. נאָך יעדן בריוו וואָס איך שיק דיר אַוועק, טוט מיר דערנאָך באַנג. עס אינטערעסירן דיך מסתמא אַ סך זאַכן פֿון דאָנעט וועגן וועלכע איך וואָלט דיר געדאַרפֿט שרײַבן נאָר וואָס זאָל איך טאָן, איטקע, פֿון זינט דו ביסט אַוועק־

געפֿאָרן זענען אַלע מײַנע חושים אויסגעפֿולט געוואָרן נאָר מיט מײַן איינאונאיינציקער אידייע, נאָר מיט איין פֿאַרלאַנג, דיך צו זען. איך האָב כמעט אינגאַנצן פֿאַרנאַכלעסיקט די אַרבעט אין אוניווער-סיטעט. כאָטש דערהרגע מיך איך זאָל קענען עפּעס לייענען. דאָס איינציקע אָרט וווּ איך קען זיך אַ ביסל פֿאַרגעסן, אָפּרוען, איז בײַ די קינדער. איך קום שוין אַ ביסל צו זיי צו אָפֿט, און איך האָב זיי שוין מן הסתם אָנגעהויבן צו נודיען, נאָר זיי וועלן מיר פֿאַרגעבן. דאָ הער איך וועגן טיבעלער וואָס דו האָסט פֿאַרגעסן מיטצונעמען אָדער מיטגענומען, און פֿון גרוסן וואָס קומען דיר אָן פֿון רוסלאַנד, (אין אַ בריוו פֿון חנה׳ס שוועסטערל) אָט לויפֿסטו אַרום מיט אַ שמאַטע אין האַנט און זוכסט ווער ס׳האָט ״געלייגט פֿינגער״ אויף די ווענט, אָדער דו פֿאַרעקשנסט זיך גאָר אינגאַנצן און ווילסט ניט גיין צו דער ״פֿאַריזער קאָמונע״. שאַ, ווייסטו וואָס, לאָמיר זיך דער-ציילן עפּעס יעדערער פֿון זײַן לעבן (געדענקסט ווען דו ביסט געלעגן מיט טשאַרנען) אָבער ניין, ווען איך וועל אָנהייבן דערציילן וועל איך פֿאַרגיין צו ווײַט, האָסטו געזאָגט, נאָר האָסטו שוין סײַ ווי ניט געדאַרפֿט דערציילן... איך האָב זיך נאָך דעם געשראָקן צו באַ-געגענען מיט דײַנע אויגן. ניין איך האָב מורא געהאַט דו זאָלסט אויף מיר אַ קוק טאָן. אָבער סע גלוסט זיך ניט צו שרײַבן וועגן דעם ענין אַ בריוו. אַ בריוו קען זיך ערגעץ פֿאַרוואַלגערן און מע קען זי אַ מאָל געפֿינען, אַרויסנעמען און איבערלייענען. און איך האָב זיך גאָרניט געקליבן צו שרײַבן איצטער אַ לאַנגן בריוו, איז שוין אַרויסגעקומען אַזוי. פֿאַרפֿאַלן. איך האָב זיך נאָר געוואָלט אַ ביסל קריגן מיט דיר פֿאַרוואָס דו שרײַבסט ניט און שוין — זײַ געזונט, טייערע, און איך דריק דיך פֿעסט צו זיך. דײַן איציק.

שרײַב מיר אַזוי ווייניק וויפֿל ס׳איז נאָר מעגלעך. נאָר אָפּטער כאָטש. נאָר פֿון דײַן געזונט און נאָך עפּעס דאָרטן, וואָס סע פֿאַלט דיר אײַן. איך בין ניט אַזוי גוט ווי דו. איך שרײַב דיר די גאַנצע צײַט נאָר וועגן זיך, און אפֿשר פֿאַרשאַף איך דיר מיט דעם יסורים. אָבער דערנאָך זאָלסטו ניט זשאַלעווען, שרײַב. שרײַב מיר, איטקע,

פֿון אַלץ און אַז די צײַט וועט קומען, און מיר וועלן זיך זען, דעמאָלט וועלן זיך אויסלײַטערן די אַלע זאַכן וואָס דורך אַ בריוו קומען זיי אפֿשר אַרויס פֿאַרנעפּלט. איך גרוס דיר פֿון טיפֿן האַרצן. מאָרגן וועלן מיר זיך ווידער זען. אַדיע. פֿון איציק.

III

איך האָב דיך ליב מײַן שטיל, געהיים געצעלט,
גנגל כ׳ווער געפּײַניקט מיט די זיסטע לײַדן.

(האָפּשטיין)

דעם זיבעטן אַפּריל ט.נ. (טויזנט נײַן הונדערט) דרײַסיק.

איטקע טײַערע — איך האָב דערהאַלטן פֿון דיר אַ בריוול. איך נעם אָן אַז דו האָסט עס געשריבן ניט אומיסטן, אָדער דו ביסט גלאַט ניט געווען ״ביים שרײַבן״, ווײַל אַנדערש וואָלט איך געווען מסוכן ברוגז אויף דיר — דערצו זענען נאָך אָנגעקומען די חבֿרה און מע האָט דיך ניט געלאָזט ענדיקן. נו, דאָס טרעפֿט זיך, בפֿרט אַז מע שרײַבט אַזוי אָפֿט ווי דו, קען מען זיך פֿאַרגינען איין מאָל צו שרײַבן אַזוי פֿאַרבײַגייענדיק אַ פּאָר ווערטער. און אַלס אַ צוגאָב גיסטו מיר די האָפֿנונג אַז אויב דו וועסט מיר ניט שרײַבן זאָל איך זיך ניט ברוגזן אויף דיר ווײַל דו קענסט ניט שרײַבן. דאָס קלינגט אַ ביסל סימבאָליש. וואָס הייסט דו קענסט ניט שרײַבן? איך ווייס אויך דעם טעם ווי שווער עס איז צו שרײַבן דאָס וואָס מע וויל. נאָר דאָך, אַז מע וויל קען מען. איז אָט, וועל איך דיר געבן אַן עצה. מאָל דיר אויס אַז דו רעדסט, און שרײַב דאָס וואָס דו וואָלסט געוואָלט זאָגן. האָסט מיר דען גאָרניט וואָס צו זאָגן? שרײַבסט מיר נאָך אַ מאָל וועגן דײַן ״אָרעמקייט״. פֿאַרשטיי איך ניט וואָס דו מיינסט מיט דעם צו זאָגן. זאָג איטקע, וואָס מיינסטו מיט דעם און וווהין גייט עס? פֿאַר מיר ביסטו די פֿולקאָמענהייט אַליין און די פֿולקאָמענהייט ווייסט ניט פֿון קיין אָרעם, רײַך. אַזוי האָסטו זיך אַנטפּלעקט פֿאַר מיר. און קיין שום זאַך וועט נישט קענען פֿאַרטונקלען אָט די געטלעכע אַנטפּלעקונג. באַנעם דאָס, איטקע, און דיר וועט אַלץ קלאָר ווערן. איך פֿיל אַז איך וואָלט ניט גדאַרפֿט נאָך אַ מאָל

באַרירן אַט דאָס ווינקל. דו צווינגסט מיך אָבער דאָס צו טאָן אויף יעדן טריט, סײַ מיט דײַן שווײַגן, סײַ מיט דײַנע רייד. אויף דעם וואָס איך האָב דיר ביז איצט געשריבן, האָסטו מיר גאָרניט גע־ענטפֿערט און זיך פֿאַרשווײַגט אינגאַנצן. וואָס פֿאַר אַ פֿאַרשײַט מלאכל דו ביסט, אַליין ווילסטו ניט זינדיקן און מיך ווילסטו ברענגען צו אַ זינד. מיר דאַכט אַז איך האָב שוין גענוג געזינדיקט. נו, וואָס נאָך זאָל איך דיר שרײַבן? פֿון די חבֿרה ווייסטו מסתמא אַלץ. זיי האָבן אַ שיינעם צימער בײַ מאָטיען. ווען דו וואָלסט קומען וואָלסטו מורא געהאַט אַרײַנצוגיין. חנה איז אַ שיין ביסל ברוגז אויף דיר וואָס דו שרײַבסט אַזוי ווייניק. נאָר פֿונדעסטוועגן, האָט זי געזאָגט, אַז איך זאָל דיר שרײַבן אַ גרוס. מיר פּלאַנעווען צו קומען צו דיר אויף אַ וויזיט. נאָר איך ווייס ניט צי מיר וועט זיך עס אײַנגעבן אַזוי גיך. ווער ווייסט ווען איך וועל דיר קענען זען — — — זעסט איך האָב דיר געזאָגט אַז דו ביסט אומדירעקט אַ קאָנטרעוואָלוציאָ־נערקע... אַט האָב איך ערשט באַקומען אַ בריוו, און מע רופֿט מיך צום דיסציפּלין קאָמיטעט פֿון דעם דיסטריקט. מסתמא האָב איך שוין אַ גוט פּעקל אויף זיך. דו ווייסט מיט וואָס סע שמעקט? נאָר איך וועל זאָגן אַז איך בין ניט אינגאַנצן שולדיק. אַ גרויסן חלק אין דעם האָבן די קאַנאַדער אימיגראַציע געזעצן און דײַן ווילדקייט "וואָט טשטאָ". נו זײַ מיר געזונט טײַערער שפּילפֿויגל מײַנער און איך האָף אַז ביז דער נײַער אוראַזשאַי וועסטו מיר נאָך שרײַבן אַ בריוו. (אויב די חבֿרה וועלן פֿאַרשטייט זיך ניט אָנקומען) שרײַב זשע אַריין אַ סך אַז עס זאָל זײַן וואָס צו לייענען. דערצייל ניט קיין מעשיות אַז דו קענסט ניט. דו קענסט בעסער פֿון מיר ווי דו זעסט מיך אַ יידן, נאָר וואָס האָסטו זיך מיר אַזוי צעאַרבעט דאָרטן ביז שפּעט אין דער נאַכט וואָס דו האָסט אַפֿילו קיין ברעקל צײַט אויף צו שרײַבן? ס'איז דיר קליין דער קריזיס ווילסטו אים נאָך פֿאַר־גרעסערן? צום סוף, פֿאַרוואָס שרײַבסטו מיר גאָרניט וועגן די לידער וואָס איך האָב דיר געשיקט? מע וויל זיי אַפֿילו אין "קאַמף" אויך ניט דרוקן. נו מילא, דאָס איז דער גורל פֿון אַלע גרויסע טאַלאַנטן.

זיי ווערן ערשט אָנערקענט נאָכן טויט. איך רעכן אַז קיין בײַשפּילן דאַרף איך דיר ניט ברענגען... ס׳געווען און ס׳זענען נאָך אַפֿילו איצט אויך דאָ פּלענטי גרויסע טאַלאַנטן — נאָך אַ שנעל אין דײַן קורנאָסע נעזל און איך בין פֿאַרטיק, דיין איציק. שרײַב!!!

דעם 23טן מיי 1930

איטקוניוניע טייערע — איך האָב דיר צוגעזאָגט צו שרייבן טאָקע באַלד, מאָרגן. נאָכן אַוועקשיקן מיין שבתדיקן בריוו זענען שוין אַוועק עטלעכע מאָרגנס און איך האָב ניט געהאַט קיין טשאַנס דיר עפּעס נאָך צו שרייבן. דו ווייסט דאָך ווי אַזוי סע גייט, האָסטו חשק האָסטו ניט דאָס אָרט, און אַזוי פֿאַרקערט. איז פֿון וואָס ווילסטו זאָל איך פֿריער אָנהייבן. איך וועל אָנהייבן פֿונעם סוף. איך וואָלט דיך שטאַרק געוואָלט זען. די לופֿט שמעקט שוין מיט דיין פֿרישן אָטעם. איך גלויב מיר אַליין ניט. וועסטו נאָך טאָקע אַ מאָל קומען! איך שטעל מיר פֿאָר ווי דו גיסט אַ פֿלי און גלייך אויף יוניאָן סקווער. מיט איין האַנט האַלטסטו דיר דאָס היטל און מיט דער צווייטער מאַכסטו אַ סטרעשענע איבער די אייגלער. און זשמורעסט אַרויף צו די הויכע פֿאַרגליווערטע ספֿינקסן. און אַ ווונדער געשעט... זיי הייבן אָן שמייכלען. איך האָב עפּעס אַזוינע מאָדנע פֿאַרגעפֿילן וועגן דיר, איטקע. איך בין אַזוי פֿאַרגלויבט. איך בין אַזוי זיכער אַז ווען דו וועסט קומען וועט אויפֿגיין פֿאַר אונדז עפּעס אַזאַ מין ווונדערלעך ליכט, וואָס וועט אונדז אַוועקפֿירן אין די טיפֿסטע ווינקלען פֿון דער שעפֿערישקייט. איך בין אַזוי זיכער. דערפֿאַר טראָג איך איבער מיט מער ליבע די אַלע איבערלעבונגען, ראַנגלענישן. קאַמפֿן מיט זיך אַליין. ראַנגלענישן וואָס פֿירן סוף כל סוף ניט צו קיין פּראָ-דוקטיווער אַרבעט. איך ווייס דאָס, און אַז פֿאַר די עטלעכע חדשים האָב איך געפֿירט אַ נישטיק לעבן. איזאָלירט פֿון אַלץ און פֿון אַלעמען. איך האָב ניט געטאָן קיין האַנט אין קאַלט וואַסער סיי פֿאַר זיך און סיי פֿאַר דער באַוועגונג. און נאָך מער פֿאַרדריסט מיך אויף זיך וואָס איך בין בכח דאָס צו טאָן. איך קען זיין אַקטיוו. דאַרף איך דיר דען אַ סך דערקלערן? יאָ, ס'קען זיין איך דאַרף, אָבער

איך קען דאָס זיכער ניט טאָן דורך אַ בריוו. עס וועט דיר אַלץ קלאָר ווערן ווען דו וועסט זײַן דאָ. דערווײַל וויל איך דיר זאָגן, איטקע, אַז... דו ביסט אַ שלעכטע. דו דאַרפֿסט וויסן פֿאַרוואָס איך זאָג עס. איך האָב דיר שוין איין מאָל געשריבן וועגן דעם און איך וויל זיך נאָך אַ מאָל ניט איבערחזרן. ס׳איז אמת אַז איך האָב דיר ניט געשריבן. און אויב דו האָסט ניט פֿאַרשטאַנען פֿאַרוואָס, וועל איך דיר איצטער דערקלערן. מײַן שווײַגן איז אין דער זעלבער פֿאַר-העלטעניש ווי דאָס שווײַגן פֿון אַ פֿאַרמישפּטן וואָס וואַרט אויף זײַן דערלעזונג. ווען דו ביסט אין אַזאַ לאַגע קענסטו נאָר האָפֿן און שווײַגן. אין דײַנע ביז איצטיקע בריוו האָסטו מיר אַפֿילו ניט געפּרוּווט דערמונטערן. האָב איך געוואַרט. פֿון מײַנעט וועגן וואָלט אַפֿילו געמעגט אָנקומען פֿון דיר אַלע טאָג אַ בריוו. קוק איך טאַקע אַלץ אַרויס. הײַנט, טראַכט איך, מוז שוין זיכער עפּעס זײַן (ניט אַזוי זיכער). מאָרגן בין איך זיכער אַז איך האָב אַ בריוו — איז טאַקע נישטאָ. איך פֿאַרשפּיץ אַלע מײַנע חושים. דער כוח הדמיון אַרבעט. אינעווייניק הייבט זיך אָן צו קייקלען אַזאַ מין הייס קנוילעכל, סע קייקלט אַרויף, אַרויף, צום האַלדז צו. און בלײַבט שטעקן דאָרטן. נישט דו קענסט עס אַראָפּשלינגען, נישט דו קענסט עס אַרויסשרײַען. מאָרגן! דערווײַל שרײַב איך שוין ניט. ווײַל מאָרגן האָב איך דאָך פֿון דיר אַ בריוו — שוין שרײַבן אין איינעם. מאָרגן — נישטאָ. כאַפּ איך זיך שוין צו דער פּען. דאָס איז בײַ מיר דער בעסטער סימן אַז מאָרגן וועל איך טאַקע האָבן פֿון דיר אַ בריוו. אַזוי איז געווען מיט די צוויי וואָס איך האָב דיר געשיקט און וואָס זיי האָבן זיך אומגעקערט. איך האָב זיי נאָר וואָס אַוועקגעשיקט, טרעף איך אין אוניווערסיטעט דײַן ״ממה-נפשך״, איז מיר באמת געווען אַ פֿאַרדראָס. לאָמיר האָפֿן אַז פֿון... **האַנט אָן און ווײַטער** וועלן מיר זיך שוין **שראַבן** איינס דאָס אַנדערע אָן אַ שום איבערשלאָג. **אמן סלה.**

נאָ און זײַ מיר מקנא. דו ווייסט דאָך מן הסתם אַז סערגיי אײַזנשטיין, דער באַוווּסטער פֿילם-רעזשיסאָר איז געקומען פֿון סאָוועטן פֿאַרבאַנד. האָט ער דעם מיטוואָך געגעבן אַ פֿרײַע לעקציע איבער דער סאָווע-

טישער פּילם-קונסט. די לעקציע איז געווען ניט נאָר אַ פּריַיע, אָן איַינטריט געלט, נאָר ער אַליין האָט זיך טאַקע אויפגעפירט ווי ביַי זיך אין דער היים. איך האָב אויך קיין מאָל נישט געהאַט אַזוי פּיל פאַרגעניגן פון הערן עמיצן רעדן, ווי אים. דו פּילסט ממש אַז דאָ רעדט פאַר דיר אַ געניאַלער פאַרשטייער פון אַ נייַעם דור, פון אַ נייַעם מענטשן, פון אַ נייַער וועלט. ער האָט גערעדט וועגן זאַכן וואָס זענען שוין אַלעמען באַקאַנט, מיט דעם אונטערשייד וואָס ער האָט זיי פאַרבונדן מיט דער פּילם-קונסט. אָבער יעדעס וואָרט זייַנס האָט געקלונגען עפּעס אַזוי נייַ, אַזוי איבערציַיגנדיק אַז דער עולם איז געווען ווי פאַרכישופט. ער האָט גערעדט ענגליש מיט אַ רוסישן אַקצענט און ווען ס'האָט אים אויסגעפעלט עפּעס אַ וואָרט האָט ער זיך פשוט אָנגעפרעגט ביַים עולם, אַזוי ווי איך וואָלט דיך עפּעס געפרעגט. איך וועל דיר נאָר איבערגעבן עטלעכע עפּיזאָדן פון זייַן רעדע: ער האָט געריבן אַ מאָרדע דער אַמעריקאַנער ״ציוויליזאַציע״ און קולטור, אַז פּינקען זענען געפּלויגן. צום ביַישפּיל. ס'איז דאָ אַ מיינונג, זאָגט ער, אַז דער מלוכה-מאָנאָפּאָל פּירט ניט צו קיין פּראָגרעס. אָן קאָנקורענץ, זאָגט מען, קען ניט זייַן קיין פּראָגרעס. ווער האָט אייך דען געזאָגט אַז ביַי אונדז איז נישטאָ קיין קאָנקו-רענץ. ביַי אונדז איז דאָ אַן אַנדערע קאָנקורענץ. די קאָנקורענץ פון אַמביציע. ווען דער מאָסקווער פּילם-טרעסט רופט אַרויס דעם לענינגראַדער אויף אַ געוועט איז עס ביַי אונדז פונקט אַזאַ מין ספּאָרט ווי ביַי אייַך די ״האָרס-רייסעס״ (פערד-געיעגן). וויַיטער האָט ער דערלאַנגט אַזאַ פּאָרציע! ער רעדט פון זייַנע וויַיטערדיקע אַרבעטן. נאָך דעם ווי מיר האָבן באַהערשט דעם קאָלעקטיוויזם און מיר האָבן אַרויסגעוואָרפן דעם ״טרייענגל״ (דריַי-עק), וויַיל אַ מאָן מיט אַ פרוי האָבן זיך ליב אויפן אונטערגרונט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, קענען מיר שוין איבערגיין צו אַ העכערען טיפּ מוווי (פּילם) און דאָס איז די אינטעלעקטועלע. איך געפין פאַר מעגלעך אויפצופירן אין דער נאָענטער צוקונפט די דיאַלעקטישע פּילאָסאָפיע. אָבער דאָס וועט ניט זייַן די מוווי, זאָגט ער מיט אַ שמייכל, וואָס

איך וועל אויפֿפֿירן דאָ אין אַמעריקע. נאָך אַ שיינעם וויץ: דו ווייסט דאָך אַז ער באַנוצט זיך ניט מיט קיין "סטאַרס" (פֿילם-שטערנס), אַז ער דאַרף אַ טיפּ זוכט ער אים צווישן דער מאַסע, איז ווען ער געפֿינט שוין וועמען ער דאַרף און ער פֿרעגט אים צי ער וויל זיך פֿאָטאָגראַפֿירן איז דער ערשטער ענטפֿער, יאָ, פֿאַרוואָס ניט, און דערנאָך, נאָר אין אינאיינעם מיט מײַן פֿאַמיליע. ווײַטער דערציילט ער אַזוי: אין דעם בילד "אַלט און נײַ" איז דאָ אַ סצענע ווו מען מאַכט חתונה אַ קו. דאַרף מען אַ סך מיידלעך. צום אָנהייב זענען די דאָרפֿסמיידלעך גאָר אויפֿגעלייגט, אויפֿן צווייטן טאָג — לא מיט אַן אַלעף. מע וויל זיך ניט פֿאָטאָגראַפֿירן. דערנאָך האָט ער זיך דערוווּסט אַז די אַלטע גויעס פֿון דעם דאָרף זענען געפֿאַלן אויפֿן שכל אַז דער אַפּאַראַט דרינגט דורך די קליידער און זיי קומען אַרויס אדם-נאַקעט. בכלל זײַן גאַנצע לעקציע איז געווען אַ שטיק מוזיק וואָס מע דאַרף זי הערן כדי צו באַקומען אַ באַגריף פֿון דער שיינקייט וואָס זי האָט פֿאַרמאָגט. איך בין זיכער אַז ווען דו וועסט קומען וועסטו נאָך האָבן אַ מעגלעכקייט צו זען די מוּוויס (פֿילמען) און אפֿשר אויך אים הערן רעדן. איַיל זיך אַ ביסל צו. נו, וואָס נאָך זאָל איך אַרײַנכאַפּן בײַם ברעג פֿון אָט דעם שטיקל פּאַפּיר. וועגן חנה'ן. זי איז אַ ביסל אַ תל געוואָרן. נאָר זי וועט פֿאָרן אין דער געוויסער קאַנטרי, וועט זי זיך געוויס פּאַפּראַווען. דאָס טשאַרנאַלע, איז אַ בהל וואָס די וועלט פֿאַרמאָגט ניט. יאָ, איך פֿאַרשפּאָר דיר שוין צו שרײַבן וועגן דעם ווײַל דו האָסט דאָך אַ לעבעדיקן גרוס — מאָטיע איז דאָרטן. איך האָב אים מיטגעגעבן אַ זשורנאַל פֿון אוניווערסיטעט. געווען אַ שיינער באַנקעט און אַ פֿײַנע גראַדואירונג. זײַ מיר געזונט. שרײַב תיקף. איציק

ליב צעטראָגן קעצל —

וואָס איז פּאַרט געשען מיט דיר דאָרטן, וואָס דו לאָזט זיך ניט הערן. איך פאַרזיכער דיר אַז איך בין אויף דיר ניט ברוגז. אפשר דו אויף מיר? ווי אַזוי סע זאָל ניט זיין האָסטו שוין צו לאַנג פאַרצויגן מיט דיין שרייבן. נאָר לאָמיך בעסער אָפּלאָזן די פראַגעס, ענטפער-שמעמפער. איך האָב שוין שלום געמאַכט מיט דעם געדאַנק אַז אויף מיינע בריוו דאַרף איך ניט קריגן קיין ענטפער. און שלום געמאַכט האָב איך דעמאָלט ווען איך האָב אויסגעשאָסן מיט דעם צעטעלע אַז איך וועל דיר מער ניט שרייבן. איך בין זיכער אַז דיין חוש האָט דיך אויך דאָס מאָל ניט פאַרראַטן און דו האָסט געלייענט דאָס וואָס איז דאָרטן ניט געווען געשריבן. ווייל אַנדערש איז דאָס געווען זייער נאַריש. איך גערפין ניט פאַר נייטיק דיר צו באַשרייבן די אומשטענדן וואָס האָבן אַרויסגערופן ביי מיר אָט דעם ווילדן "באַשלוס"...

פאַרשטייסט קינד מיינס, גאָט האָט דיך געבענטשט מיט אַ פריען גייסט, וואָס שווימט אויפן פנים פון דער ערד אַזוי ווי גרינגע פרי-מאָרגן-שאַטנס אויף דרעמלענדיקע פעלדער. ווי אַזוי זשע קענסטו פאַרשטיין די טיפקייט פון ערדישע ווייען? דו ביסט אַ סך גליקלעכער פון מיר, איטקע. דאָס לעבן איז פאַר דיר אַזוי ווי אַ שפּילעוודיקער חלום אונטער די קוים בייגאַבטיקע שטראַלן פון אַ זומערדיקן קאַיאָר. איך בין דיר אַזוי מקנא. און איינציינטיק ציטער איך אַזוי אַז איך זאָל דיר ניט שטערן אין דער שפּיל. זאָג! אויב מיינע בריוו זענען דיר דערווידער לייען זיי ניט, טייערע, צערייס זיי בעסער. בלויז אַזוי פיל וועגן דעם, ווייטער לאָז איך איבער פאַר זיך דאָס רעכט צו טראָגן טיף באַהאַלטן דעם אייביקן סוד פון מיין פאַרפייניקטער נשמה. ווי אויך אַליין צו באַשטימען מיין ווייטערדיקן גורל.

איך וויל דיר עפּעס שרייבן. ניט צוליב באַרימעריי נאָר פשוט ווייל איך פיל איצט אַזוי. איך האָב נעכטן צעטיילט ליפּלעטס (פראָ-

קלאַמאַציעס) אויף אַ געפּערלעכן אָרט און מען האָט מיך געוויינטלעך אַרעסטירט און איך בין איבערגעזעסן אַ נאַכט אין טורמע. איך האָב זיך גענומען שרײַבן ווען איך בין אַהיימגעקומען. פֿאַר אַזאַ מין זאַך באַקומט מען ניט אַזאַ שטרענגע שטראָף. פֿון 10 טעג ביז אַ חודש. נאָר איך בין זיך מודה פֿאַר דיר (איך באַנוץ זיך מיט דער געלעגנהייט וואָס ביסט ניט קיין ריכטער) אַז ערגעץ בין איך צופֿרידן מיט דעם. דו דערזעסט זיך פּלוצלינג אין אַ שפּאָגל נײַער וועלט. צווישן פֿאַרשידענע מענטשן מיט נאָך פֿאַרשידענערע לעבנס-געשיכטעס. סע ווירקט אַזוי מאָדנע אויף דיר די נײַע סבֿיבֿה. די מנהגים. די מאָראַל און עטיק פֿון דער טורמע-וועלט. בלויז די איינע נאַכט האָט מיר געגעבן אַזוי פֿיל מאַטעריאַל, אַזוי פֿיל איבערלעבונגען. איך האָב „געשלאָסן באַקאַנטשאַפֿט" מיט אַזוינע רעספּעקטאַבעלע פּערזאָנען וואָס די טורמע איז דער צענטער פֿון זייער וועלט. אַ קליינער עפּיזאָד: אַ בחור פֿון אַ יאָר 25 לויט דער „פּראָפֿעסיע" „שוואַרצער ראָזנאָשטשיק" (שאַנטאַזשיסט. (בלעק-מעיל), אַ מאָל פֿאַרנעמט ער זיך אויך מיט קלענערע געשעפֿטן. אַזוי האָט ער אונדז דערציילט מיט אַזאַ אומשולדיקע מינע, אַז אויף דער דעמאָנסטראַציע פֿון 6-טן מערץ האָט ער „געמאַכט" 300 דאָלאַר. איז ער אַ פֿײַנער מאַן צי ניין? מאַנטיק דאַרף זײַן די דיעלאָ (משפּט) — וועסט מסתמא באַגעגענען אין דער פֿרײַהייט אַ נאָטיץ ווײַל מע האָט אַרעסטירט עלעף חברים — דאָס איז אויף דעם זעלבן פּלאַץ ווו מען האָט אונדז אַרעסטירט. דאָס שטעטל הייסט מאַונט-וואָוסטען.

מיט דעם וועל איך דערווײַל ענדיקן. וועסט מיר מוזן מוחל זײַן וואָס איך האָב ניט קיין וואָרט און שרײַב דיר דאָך אַ בריוו. איציק.

פֿרײַטיק דעם 20טן יוני 1930

אַ פּענצטערל אַ קליינס האָט אויפגעעפנט אין מײַן האַרץ דער פּרילינג

האָב איך פאַר פרייד געמאַכט און אויסגעזועצט די איבעריקע אליין

אַרט מיך ניט דאָס טריפנדיקע בלוט פון מײַנע נאַרישע פאַר-שעמטע פינגער

אין נעבכט אין שלאָפּלאָזע, ווען ס׳כוואַליעט זיך מײַן קאָפּ פון היץ און בלאָנדע ווינטן — אַ דין געוויין.

טײַערע איטע, לויטערער טרוים מײַנער — דײַן בריוול האָט מיך אַזוי צערודערט אַז איך ווייס ניט וואָס איך זאָל דיר דערויף ענטפערן. נו, זאָג, וואָס האָט געקאָנט אַרויסרופן בײַ דיר אַזוינע געפילן! אַ גאָט, איך בין ווײַזט אויס געווען צו שוואַך איך זאָל קענען בײַשטיין דעם נסיון! איך בין דאָך שוין אַזוי געוווינט צו לײַדן אין דער שטיל! ניין, ניין טײַערע, איך וועל דיר שוין אַזוי מער נישט שרײַבן. נאָך וואָס האָב איך געדאַרפט מיט ווערטער אַרויסזאָגן דאָס וואָס דײַן טיפע נשמה, דײַן טיף פילנדיק האַרץ, האָט סײַ ווי געוווּסט? אָבער דאָך, איטע, דאָס לעבן איז נישט אַזוי איינפאַך ווי דער אמת... ס׳קען זײַן אַז איך וועל בלײַבן פאַר דער וועלט אַן אייביקער סוד... איין זאַך פיל איך מיטן גאַנצן לײַב און לעבן; נאָר דו קענסט אַראָפּקײַקלען דעם שטיין וואָס פרעסט אַזוי מײַן יונג לעבן. נאָר דו קענסט מיך אויף ס׳נײַ געבוירן. —

דער גורל האָט געוואָלט, אַז אויך מײַן לעבנסוועג, וואָס ציט זיך אונטער מיר, דאַכט זיך שוין פון גאַנצע אייביקייטן, אַן אויסגעפלאַסטערטער מיט אַזוי פיל פיין, זאָל איך באַגעגענען דיך און...

לייענענדיק דײַן בריוו האָב איך אי געוויינט, אי געפריידט זיך: זאָל איך זיך שעמען דיר צו דערציילן: אָבער פאַרוואָס שרײַבסטו

אַזוי ווייניק ווענן זיך. דו מיינסט אַז דו מאַכסט מיר מיט דעם גרינגער? געטרויסטו מיר דען ניט? דײַן "רחמנות" צו זיך, דײַן "אָרעמקייט", איך וויל דיך נישט אויסטײַטשן, איטע, איך וויל דיך פֿאַרשטיין. אפֿשר האָסטו געפֿילט אַזוי, ווײַל איך האָב זיך עפּעס אַזוי ווי באַרימט מיט מײַן "אוצר", מיט מײַנע "גערטנער". קינד וואָס דו ביסט. ניט זיך האָב איך דאָ אינזינען געהאַט נאָר דיך. דאָס האָסטו געפּלאַנצט און דײַנע זענען די פּרוכט. אָבער אַליין, וואָס בין איך, אַ ווען וואָס קען צעטראָטן ווערן צו יעדער צײַט פֿון פֿאַרבײַגייערס פֿוס. נו גענוג.

דו שרײַבסט אַז דו ווייסט נישט צי זאָלסט געבן די לידער אין זשורנאַל. נו, פֿאַרשטייסט דאָך אַז איך וואָלט געוועזן אַ סך צופֿרידענער ווען זיי זאָלן אַרײַנגיין. איך וועל דיר זאָגן דעם אמת. איך שטעל צו זיך אַזוינע גרויסע פֿאָדערונגען אַז: זען אָפּגעדרוקט אַ לידל איז נאָך ניט אַזאַ גוואַלדאָוונער אויפֿטו. געוויס איז דאָס אַ דערמוטיקונג. טו ווי אַזוי דו פֿאַרשטייסט איטקע, אַז דו וועסט זײַן צופֿרידן וועל איך אַוודאי זײַן. בײַ דעם "אָונטערוויט" האָב איך אויסגעלאָזט אַ שורה ווײַל איך האָב דאָס איבערגעשריבן אין איילעניש. נאָך: "און שאַרט פֿון זײַנע דאַרע הענט אַראָפּ", דאַרף גיין: "ווי בייזע פֿליגן פֿון אַ בײַסנדיקן אָרט".

פֿאַרבײַגייענדיק וויל איך דיך בעטן אויב עס איז נישט פֿאַרבונדן מיט קיין שוועריקייטן: איך האָב צופֿעליק געלייענט אַז שלום שטערן האָט אַרויסגעגעבן אַ ביכל. איך וואָלט עס שטאַרק געוואָלט לייענען. קיין איבעריקע אָנשטרענגונגען דאַרפֿסטו ניט מאַכן. איצטער וועגן אוניווערסיטעט. איך זאָל דיר באַשרײַבן דעם אָוונט ווען מיר האָבן אָנגעהויבן לערנען ליטעראַטור מיטן נײַעם לערער?

איך האָב איבערגעלעבט עפּעס אַזוינס וואָס איז שווער צו באַשרײַבן. ווען איך בין אַרײַנגעקומען אין קלאַס איז געווען אויסערגעוויינטלעך שטיל. דער לערער (ביילין) איז נאָך ניט געווען. איך האָב זיך אַרומגעקוקט. געזוכט דאָס אָרט ווו דו פֿלעגסט זיצן, דעם קאָפּ אונטערגעשפּאַרט אויף דײַנע דינע, דורכזיכטיקע פֿינגער, ווי אַ

גאָלדענער עפּל וואָס שפּאַרט זיך אָן אויף זיינע אייגענע צווייגלעך. געזוכט דיינע בלויע פאַרחלומטע אויגן, וואָס וואַרעמען אַזוי די נשמה. און אַט הער איך דיין ציטעריק-קלינגעוודיקע שטים, ווי דאָס געזאַנג פון אַ פרישן שלאַנגדיקן קוואַל, וואָס פליסט ווייט און לויטער אויף זיין פריידיקן וועג. נאָר דו ביסט דאָרטן ניט געווען. איך האָב דיך ניט געפונען. און אין האַרצן האָב איך געפילט איז אַזוי ווי אין אַ זאַל ווו מען האָט נאָר וואָס פאַרענדיקט אַ נאָך ניט געשפּילטע סימפאָניע. אַלע זענען זיך שוין צעגאַנגען... נאָר אין דער לופט וויגן זיך נאָך די טענער פון דעם לעצטן אַקאָרד. עמיצער איז נאָך דאָרטן פאַרבליבן. אַ שטילער, אַ פיינלעכער אויף שטענדיק פאַרבלי-בענער, וואָס פולט אויס אַלע ווינקלען פון מיין נשמה... די גרויסע אומענדלעכע בענקשאַפט. און פון דעמאָלט אָן — — —

איז אַט, וועגן דעם אוניווערסיטעט, איז דאָ זייער אַ סך צו שרייבן נאָר איך בין איצט ניט געשטימט דערצו. וועסט מסתמא ניט זיין ברוגז אויף מיר.

ווען וועסטו שוין אַ מאָל קומען? איך קען נאָך אַלץ נישט געפונען קיין אַרבעט. דאָס איז פאַסקודנע. איך האָב זיך שוין אָנגעהויבן צו "סטאַרען" אַ פאַספּאָרט. נאָר ס'איז ניט גוט איטע, חנה זאָגט אַז ערשט אין זעקס חדשים אַרום וועסטו קריגן דיינע פּאַפּירן. ביז דעמאָלט וועל איך נאָך געפונען אַרבעט. איך בין נעכטן געווען מיט טשאַרנען ביי די "גענעראַלן" דו ווייסט דאָך מן הסתם ווען איך מיין, האָבן זיי אויך אָנגעפרעגט פאַרוואָס מע האָט זיי ניט געזאָגט אַז דו דאַרפסט געלט? איז ווידער די אייגענע מעשה. נאָר לאָמיך שוין ענדיקן. איך ווייס, איטע, אַז איך האָב דיר געדאַרפט ענטפערן אויף דעם בריוו אַ סך פריער נאָר עס איז אפשר בעסער אַזוי, ווען איך זאָל דיר געווען תיקף שרייבן וואָלסטו געווען אין כעס אויף מיר... איצטער איז מיר שוין גרינגער. איך בעט דיר נאָר אַז דו זאָלסט מיר שרייבן מערער אַ ביסל. ביסט אַזוי קאַרג אויף ווערטער. נו זיי מיר געזונט און פאַרגעס ניט. שרייב תיקף, אויף אייביק, דיין חבר איציק.

נעכטן זענען געווען אַ גאַנצע חבֿרה בײַ די קינדער. מע האָט זיי געזונגען און געגודיעט. איך בין געווען ניט אַזוי גוט געשטימט. האָב איך זיך ניט געמישט. איין זאַך וויל איך דיר זאָגן. אַז דו מעגסט זיך איבערנעמען מיט דעם פּאָרל. זיי בענקען נאָך דיר יעדער באַזונ-דער אויף זײַן שטייגער. בײַ חנהן לייגסטו אין אירע אויגן און יענע שרײַט אַז עס הייבט זיך גאָרניט אָן. זי קען זיך באַגיין אָן דיר...

יאָ, דו האָסט איר אַפֿילו ניט געשריבן צי דו האָסט דערהאַלטן דאָס שאַרסעלע. נו זאָג שוין אַליין צי סע דאַרף אַזוי זײַן?

נו, דריי זיך אויס צו מיר מיטן אויערל וועל איך דיר עפּעס זאָגן:

איך בענק נאָך דיר, דײַן איציק.

פֿראַגמענט. (פֿעלט אָנהייב און סוף)

גאָט איז מיט דיר. אַזוי ווײַט האַלט עס נאָך ניט. איך אַליין האַלט דאָך ערשט אפֿשר נאָך וויניקער ווי בײַם אָנהייב. איך האָב דיר נישט דערמאָנט וועגן דעם ביכל פשוט דערפֿאַר ווײַל איך האָב — זינדיקער מענטש וואָס איך בין — פֿאַרגעסן: אין אַלגעמיין איז עס אַ פֿײַן ביכעלע לידער. אויף מיר האָט עס געמאַכט אַן אײַנדרוק ווי אַ טאָג-ביכעלע פֿון אַ יונגן פּאָעט; פֿאַרנאַטירטע שטימונגען, געפֿילן, וואָס דער דיכטער האָט גענומען **פֿאַר זיך אַליין** ווײַל פֿאַר מיר זענען זיי נישט איבערצייגנדיק, ניט זיכער. איך האָב דאָ אינזינען בלויז דעם סטיל. ווײַל די טעמאַטיק איז גאָרניט קיין נײַע. ווי אַ שטייגער דער "מאַמעס שבת", אַ "ווונדער". דער "מאַמעס שבת" קען שוין נאָר דערוועקן אין אונדז פֿאַרנעפּלטע זכרונות פֿון אונדזער קינדהייט. בײַ דוד האָפּשטיין איז דאָ אַזאַ ליד. איך וועל דיר נאָר ציטירן אַ פּאָר שורות:

"אַוועק דער שבת שוין...
אויף ווײַטע שנייען
אַ גרויסער עמיצער שיט גראָווען אַש...
אין קליינעם קלייטעלע שוין וואַרטן צווייען
אַ טונקל שיקסעלע, אַ שוואַרצע פֿלאַש."

דער שבת, אַן און פֿאַר זיך, פֿאַרנעמט דאָ ניט דעם אויבנאָן. בײַ אים איז דאָס אינגאַנצן די טעמע.
ווײַטער וועגן סטיל. איך האַלט אַז דער בחור וועט דאַרפֿן צעברעכן זײַן סטיל: ווײַל וואָס איז דאָס געווען מיט וועלכן די פּאָעזיע נעמט אײַן אירע פֿעסטונגען? בילדלעכקייט. וואָס שטאַרקער די וויזיע אַלץ שטאַרקער דאָס ליד. אויב דו זאָגסט: "פּאַטשט דער רעגן אין וואַלד.

טראָפּנס קלאַפּן אין אַ עמער. עס וואָגלט ווער אויפֿן וועג און יאָמער־לער וואָיעט דער הונט.״ איז דאָס זייער אַן איינפֿאַכע שילדערונג פֿון אַ רעגן אין אַ וואַלד. פֿאַרקערט. דאָס ״פֿאָלק״ באַנוצט זיך מיט אַ סך אַ שטאַרקערן אויסדרוק ווי ״פּאַטשט״. דאָס פֿאָלק זאָגט: ״שמייַסט אַ רעגן און דער הונט״, פֿאַרוואָס זאָל ער זיך שוין טאַקע אין איין וועגס ניט וועלן ״אָפּרייַסן פֿון דער קייט? דאָס פֿאַר־שטאַרקט נאָך מער דעם איינדרוק פֿון אַ רעגן. דאָס איז איינס. צווייטנס זענען די שורות ניט פֿאַרבונדן צווישן זיך און דאָס איז אַן אַלגעמיינער שטריך אין זייַן סטיל. אַלענפֿאַלס, אַזוי דאַכט זיך מיר. ס׳קען זייַן אַז איך בין ניט גערעכט.

פֿראַגמענט. (פֿעלט אָנהייב און סוף)

וואָס זאָל איך דיר שרײַבן פֿון מיר? די צײַט וואָס איך אַרבעט ניט גייט בײַ מיר גלענצענדיק אַוועק מיט גאָרניט. עס וואַלגערן זיך פֿאַר די פֿיס אַזוינע געזונטע, צאַפּלדיקע טעג און איך הרגע זיי אַוועק אַזוי ווי מיט אַ מאַך מיט דער האַנט. פֿאַראַן אַ בריוו-קעסטל אין קאָרידאָר פֿון אוניווערסיטעט זענען מיר זיך שוין געוואָרן שונאים אויפֿן לעבן. האָט זיך אַרײַנגעמישט דײַן בריוול און האָט געמאַכט אַ ביסל שלום. און אַרבעט איז מסוכן שווער צו קריגן כאָטש אַ וואָסערע ס׳זאָל ניט זײַן. איך רעכן אַז אין אַ וואָך אָדער צוויי אַרום וועל איך האָבן אַן אָרט אין אַ מאַשין-פֿאַבריק. ווען איך זאָל אַרבעטן וואָלט איך דיך פֿאַרגעסן, אַ ביסל צום גוטן יאָר. אַזוי האָב איך אַזוי פֿיל צײַט צו טראַכטן וועגן דיר אַז מע קען משוגע ווערן. דאָס איז אומדירעקטע קאָנטערעוואָלוציע פֿון דײַן זײַט אויב דו ווילסט. און אַז די צײַט וועט קומען און מיר וועלן האָבן די מאַכט וועסטו די ערשטע צוגעצויגן ווערן צום געריכט. און איך וועל זײַן דער ריכטער און איך וועל דיך פֿאַרמישפּטן אויף צען יאָר לעבנסלענגלעכע תּפֿיסה... פֿאַרשטאַנען — „טשטשאַ ווי שוטיטע".

איצט ווילסטו איך זאָל דיר עפּעס שרײַבן פֿון דעם אוניווערסיטעט. דו ווייסט דאָך אַז מיר לעבן אויף קריזיסן. ווען ניט די קריזיסן וואָלטן מיר למשל ניט געמאַכט די אונטערנעמונג מיטן „אַרטעף". איצט גרייט מען צו דעם פֿרילינג קאַרניוואַל (זאָל איך דיר פֿאַרהאַלטן אַ בילעט?) אַזוי גייט דאָס לערנען. ווי געוויינטלעך, ~~מינצל~~ מאָלט מענטשעלעך אויפֿן טאָוול און מאַכט מיט די הענט אויף וואָס די וועלט שטייט. ער וויל אַז מיר זאָלן אים צושטעלן די עקזאַמענס פֿאַרן ערשטן מאַי ווײַל דערנאָך וועט מען האָבן אַ תּירוץ אַז מען איז געווען בײַ דער דעמאָנסטראַציע.

די טעמעס וואָס ער האָט געגעבן זענען: 1) קריזיסן. אָדער 2) אימ־פעריאַליזם. און צום סוף זעץ זיך אַוועק און לאָמיר זיך קריגן, ווי נאַדיר זאָגט, איך מיין טאַקע וועגן שלום שטערנס ביכל. ערשטנס ביסטו מיך צו פֿרי חושד אין דער געוויסער שרײַבערישער מאָראַל אַז סע געפֿעלט דיר ניט שווײַג, גאָט איז מיט דיר —

דעם 24טן מאַרץ 1930

— — — אויב עס איז מיר ניט באַשערט אָפּצוגײן דורך דיר ווי
דאָס ליכט פֿון דער אָפּגײענדיקער זון,
נעם איך אָן — ווי ניט קײן קלענער גליק — מײַן לאַנגזאַם זיכערן
אונטערגאַנג.

בײַם פֿולן באַוווסטזײַן, דײַן איציק

דעם 2טן יוני 1930 ניו־יאָרק.

ווײַז ניט קײנעם דאָס צעטאַלע

איטקע — דערוואַרט ניט פֿון מיר קײן שום בריוו, פֿאַר דער צײַט וואָס דו וועסט זײַן אין קאַנאַדע. סײַדן די מעגלעכקייט צו קומען וועט זײַן פֿאַר דיר אינגאַנצן אויסגעשלאָסן. אין דעם פֿאַל לאָז מיר וויסן. איציק

איך בין זיכער אַז פֿון אַלץ וואָס איך האָב דיר ביז איצט געשריבן האָט קײנער חוץ דיר ניט געוווּסט.

אויב דו וועסט וועלן אַ דערקלערונג וועל איך דיר געבן. כאָטש עס וועט מיר אָנקומען מיט גאַל. אָבער נאָך וואָס זאָל איך רעדן. ווען איך האָב דיר געזאָגט אַז אַלץ וואָס סע האָט אונטערן וואָרט איך הענגט אָן דיר, האָסטו עס ווײַזט אויס אָנגענומען פֿאַר אַ שײנער אילוזיע. אָבער דו איגנאָרירסט דאָך סײַ ווי דעם גאַנצן ענין. נאָר אויב דו וועסט וועלן איך זאָל דיר אַלץ זאָגן אײדער דו וועסט קומען וועל איך דאָס טאָן. איך קוש דיך פֿון טיפֿן האַרצן.

איטקע, פֿאַר מיר ביסטו שוין לאַנג געוואָרן אַ לעגענדע. אַ האַלבער חלום, אַ האַלבע ווירקלעכקייט. אָבער וואָס אַ מאָל ווערט אָט די צווייטע העלפֿט בלאַסער. פֿאַרמלאַזער. און אומבאַשטימטער. דערפֿאַר זע איך דיך אַזוי אָפֿט אין חלום. דו ביסט דעמאָלט אַזוי גוט — — — אָבער סע לוינט זיך ניט אַראָפּצושרײַבן די נאַרישקייטן — —

אָט, אַלס אַן אויסדרוק פֿון מײַן אומבאַהאָלפֿנקייט שיק איך דיר אַ פּאָר בילדער וואָס דרוקן אויס אַלץ וואָס איך בין ניט אומשטאַנד צו זאָגן.

איך שווער אַז דו האָסט פּונקט אַזוי אויסגעזען ווען דו ביסט געווען אַ קינד ווי אָט די — — "וואַסער-נימף".

נו, אַדיע —

איציק

טײַערע — איך האָב דיך געבעטן דו זאָלסט צוריקשיקן די עטלעכע לידער ווײַל איך געדענק זיי ניט אויף אויסנווייניק. און איך פֿיל אַז זיי זענען ניט גאַנץ. פֿאַרוואָס-זשע געדויערט אַזוי לאַנג? ס'איז אמת, איך האָב דיר די לעצטע צײַט געשריבן אַזוי אומגעלומפּערט אַז ס'איז דיר אפֿשר דערווידער צו נעמען די פּען אין האַנט. דו קענסט דאָס זיכער טאָן אַפֿילו מיט פֿאַרמאַכטע אויגן...

די לידער זענען: 1) צו איציק מאַנגער. 2) ס'האָט יעדער מענטש מעסטאָם. 3) אין דער שעה ווען האַרבסט א.אַ.וו. מער האָב איך דאַכט זיך דיר ניט געשיקט.

פֿאַר דער צײַט קיין ממשותדיקס ניט אויפֿגעטאָן. דאַרף איך דיר דען דערקלערן אָט דעם צושטאַנד. די קראַפֿט וואָס איז אין מיר. איך האָב אויף איר ניט קיין שליטה. ווען דו זאָלסט נאָר צורירן מיט איין פֿינגער! — — —

עפּעס אויפֿגעשריבן אַ ליד ״פֿלעקן פֿון שניי״. אַז דו וועסט זײַן אַ גוט קינד וועל איך דיר עס צושיקן אינגיכן. אַדיע. איציק

דעם 26טן יולי 1930

דעם בריוו האָב איך געשריבן אין אַ קענדי סטאָר.

באַגעגעניש: איך גיי איצט אויף דער גאַס. פֿאַרטאָג אין דער פֿרײַהײַט. עמיצער שטעלט מיך אָפּ: אַ מיידל. זי פֿרעגט זיך נאָך אויף די קאָנצערטן אין סטאַדיום. איר שוועסטער איז נאָר וואָס געקומען פֿון קאַנאַדע. וויל זי נעמען צו אַ קאָנצערט. איך זאָג איר אַז סע גייען דאָ אַזוי פֿיל מענטשן, וואָס האָט זי מיך אויסגעקליבן צו פֿרעגן? זאָגט זי: אַזוי. וו'ײַל זי ווייסט... זי האָט מיך געזען, איך ווייס ניט ווו. עפּעס איז מיר די גאַנצע געשיכטע זייער אויפֿפֿאַלנדיק.

זאָג נאָר, אפשר ביסטו איר שוועסטער און דו ביסט ערשט געקומען
פֿון קאַנאַדע ? און זי וויל דיך נעמען צו אַ קאָנצערט ?
זי זאָגט אָבער אַז איר שוועסטער איז אַ טראָצקיסטקע.

דעם 14 אָקטאָבער 1930, ניו-יאָרק.

איטקע — ס'האָט ווירקליך ניט קיין זין איך זאָל דיך מאַטערן מיט מײַנע בריוו. איך בין זיך מודה אַז מיט יעדן וואָרט וואָס איך שרײַב דיר באַגיי איך קעגן דיר אַ פֿאַרברעכן. איך האָב זיך ניט צוריקגע-האַלטן, גלויב איך, בלויז אויס שוואַכקייט — פֿאַרדאַמט זאָל עס ווערן!

דאָ וויל איך דיך בלויז פֿרעגן "אַ פּאָר אינפֿאָרמאַטיווע" זאַכן אויף וואָס איך האָב אַ פֿולע "רעכט" צו פֿאַרלאַנגען. דו זאָלסט מיר ענטפֿערן ווײַל איך האָב אויף מײַן זײַט אַלע מענטשלעכע טראַדיציעס, זיטן, מאָראַלן א.אַ.וו., וואָס מיר האָבן איבערגענומען בירושה פֿון יענער צײַט ווען מיר זענען נאָך געקראָכן אויף אַלע פֿיר. פֿאַר אַן עדות קען איך דיר ברענגען דאַרווינס די "אָפּשטאַמונג פֿון מענטשן".

איך וויל דיך פֿרעגן ערשטנס: צו קלײַבסטו זיך צו קומען אינגיכן קיין ניו-יאָרק. אויב ניט, צי וועסטו ענטפֿערן אויף דעם וואָס איך האָב דיר געפֿרעגט? איך מוז דאָך מיט דיר רעדן. כאָטש נאָך איין מאָל?

מיט קנעבטישן גרוס, איציק

היינריך האָט פֿאַרענדיקט מיט דעם וואָס ער האָט אויסגעטרונקען דעם לעצטן, דעם שוואַרצן כוס. איך בין אים אַזוי מקנא! אייגנטלעך האָט ער עס גאָרניט געדאַרפֿט טאָן. סיי ווי, אַז אַ מענטש לעבט נאָר אין זיין שאַפֿן. הערט ער אויף צו שאַפֿן איז שוין אַלץ איינס. מע דאַרף נאָר מאַכן דעם לעצטן שריט. ער האָט עס געטאָן אַזוי רואיק, ווי אַ גאָט! דאָס איז דער וועג פֿון יעדן איינעם וואָס האָט זיך כאָטש אויף איין רגע אויפֿגעהויבן צו יענער הייך. ווייל דער מענטש ווערט פֿאַרוואַנדלט פֿון אַ פּאַסיוון טרעגער פֿונעם לעבן אין אַ באַשעפֿער. נאָר לאָמיך זיך ניט מאַכן לעבערלעך אין דיינע אויגן. דו קענסט דאָך נאָר איין איציק: דעם אַפּאַטישן. דעם נידערגעשלאָגענעם. דעם אומבאַהאָלפֿענעם. דו האָסט טאַקע אַמאָל געזאָגט: מיר פּאַסט ניט צו הייסן "איציק" ווייל "איציק" דאַרף זיין "היציק". דעמאָלט האָסטו מסתמא נאָך ניט געוווּסט אַז איך בין אינגאַנצן אין דיין רשות. אַז דו קענסט מיך פּונקט ווי אַ ליכט אי אָנצינדן, אי פֿאַרלעשן. אָבער איצט איז שוין פֿאַר דיר אַלץ קלאָר. פֿון טאָג צו טאָג ווערט מיר נאָך קלערער: דו קוקסט אויף מיר אויך ווי אויף אַ ווערעמל וואָס בראַדזשיעט אום אין די גראָזן, און אַנטפּלעקן זיך פֿאַר דיר קען איך בלויז דורך דיר אַליין. אָבער דו טראַכסט אַז "אַלע איינ־ווײַנער פֿונעם טאָל זענען גלייך" — — —

פֿאַרוואָס זשע שרעקט דיך אָנצוטרעטן. טרעט אָן! א. פֿ.

פֿאַרגיב. איך שרייב קורץ און ניט פֿון אַזוינע זאַכן וואָס אינטע־רעסירן דיך. אָבער וואָס זאָל איך טאָן. איך האָב פֿאַרלוירן דאָס גלייכגעוויכט. בין געוואָרן אַזוי עגאָצענטריש. איך טראַכט ניט פֿון קיין שום זאַך. בלויז פֿון דיר. דו ביסט דער צענטער פֿון מיין וועלט. אין אַזאַ צושטאַנד ווערסטו אַ שפּילעכל אין די הענט פֿון יעדן איינציקן וואָס איז ניט ווערט זאָלסט אַפֿילו פֿאַרלירן אַ בליק. דאָס אַלץ.

"— דער גלאָק פֿאַלט און איך נאָך אים.ביידע פֿאַלן מיר אין טיפֿן אָפּגרונט". אַזוי דערציילט מײַסטער היינריך. ווען די וווּנדערלעכע רויטענדלײַן וועקט אים אויף פֿון זײַן טויטלעכן דרעמל. "זאָג, לעב איך? קלינגט מײַן גלאָק? יאָ, איצטער ווייס איך, אַז לעבן דאָס איז טויט, און טויט איז לעבן!"

(פֿאַרזינקענער גלאָק)

צי קען מען פֿאַרוואַנדלען דאָס לעבן אין קונסט? — דו, רויטענ־דלײַן? איך — דער מײַסטער היינריך. ווען איך האָב געלייענט דאָס בוך האָב איך עס געוואָלט צערײַסן. בין איך געווען שוואַך צו קוקן דעם אמת אין די אויגן? איך לייקן ניט. מײַסטער היינריך איז געווען אַ סך אַ שטאַרקערע פערזענלעכקייט. ווײַל ער לעבט מיטן כוח פֿון די אומצאָליקע הײַנריכלעך אין לעבן. יאָ, איך האָב זיך דאָרט דער־קאָנט. דיך דערקאָנט. דאָס איז די קונסט פֿון לעבן!

און איצט איז האַרבסט. די לופֿט שמעקט מיט קילער ראָסע. איך הער דאָס פֿאַלן פֿון בלעטער אין אַ וואַלד וואָס איך זע ניט און אין האַרצן פֿאַלן פֿאַרבלאָזע טעג, אַזוי ווי פֿאַרפֿײַניקטע קינדער אין אַן אומגליק. נאָר אָט, אַ דינער קלאַנג, אַ פּישוף־רוף באַרירט מײַן אויער — רופֿסטו מיך? ניין. דאָס איז בלויז אַ ווידערקלאַנג פֿון יענע פֿריידיקע טעג, וואָס דו האָסט צעהאַנגען אין די פֿאַרבאָרגענע ווינקלען פֿון מײַן נשמה אַזוי ווי זילבערנע גלעקלעך אויף אַ נישט געזעענעם טורעם.

אָ, דעמאָלט בין איך געווען דער באַשאַפֿער פֿון דעם לעבן. און איצט בין איך אַפֿילו ניט פֿעיק עס צו באַוווּנדערן, צו באַזינגען. עפּעס אַן אומוויכטיקער חומר.

וואָס זשע זאָל איך טאָן מיט זיך, זאָג? פֿאַרפֿעלט דיר דער מוט צו זאָגן אָפֿן דאָס וואָס דו טראַכטסט? דײַן איציק

איך זיץ בײַ מײַן טישל און קלער אַז אויף דער טיר פֿון מײַן צימער איז אָנגעקלעפּט אַ נומער 3. דער רעגן וועט ווײַזט אויס אַזוי גיך ניט אויפֿהערן פּונקט ווי איך וועל דיך אַזוי גיך ניט זען. כאָטש דער רעגן קען נאָך אַ מאָל אויפֿהערן און איך זאָל דיך שוין קיין מאָל ניט זען. אָבער ליב האָבן וועל איך דיך אַלע מאָל. אמתע ליבע איז טויטלעך. דערפֿאַר זאָלסטו ניט גלייבן אין מײַנע אומזיניקע פֿלאַפּלע-רײַען. ווייל איך לעב דאָך נאָך! פֿון מײַן זײַט האָב איך געדאַרפֿט, פֿון דעם ערשטן אויגנבליק וואָס איך האָב דיך באַגעגנט, פֿאַרשווונדן אויף אַזאַ אָדער אויף אַן אַנדערן אופֿן. איך האָב אָבער ווײַזט אויס געדאַרפֿט אויסגעפֿונען מײַנע שוואַכקייטן. איצט האָב איך דעם באַוווסטזײַן אַז איך מאַך נאָר אַן מיסט. איך צווינג מענטשן מיך צו זען קעגן זייער ווילן. וואָס איך באַדויער עס זייער. אַפֿילו דאָס וואָס דו וועסט קעגן דײַן ווילן איבערלייענען אָט די שורות. ווען איך טרעף אַ מאָל אַן אַ מענטשן וואָס איז אין מײַן לאַגע גלוסט זיך מיר אויך אים אָנשפּײַען אין פּנים. אין בעסטן פֿאַל קער איך זיך אָפּ פֿון אים מיט עקל. ווי טיף אומגליקלעך דאָס מענטשלעכע וועזן דאַרף זיך פֿילן אויף דער ערד. אַז אויב סע באַווײַזט זיך אים איין מאָל אַ שײַן פֿון גליק, מיינט ער אַז קיין גרעסערס פֿון דעם איז שוין גאָר נישטאָ. און אויב ער פֿאַרלירט עס, מיינט ער אַז סע וועט זיך שוין מער צו אים ניט אומקערן. מיט דעם האָב איך אַ ביסל באַפֿרי-דיקט מײַן לאַנגסטיקע נייגונג צו פֿילאָסאָפֿירן. קיין לידער האָב איך שוין לאַנג ניט געשריבן. דיר צו פֿאַרדאַנקען. איצט קלייב איך זיך אַרויס אין אַ צימער ערגעץ אויף דער איסט-סײַד. דאָרטן וועט מיר קיינער ניט שטערן אין מײַן לאַנגווײַל.

איך דערמאָן זיך אַז איך האָב דיך אַ סך מאָל באַליידיקט. אייניקע בריוו האָב איך פֿאַרענדיקט אַז איך קוש דיך. עפּעס אין איין בריוו האָב איך דאַכט זיך געשריבן אַז איך וואָלט אויסגעקושט די ווינקלען

פֿון דײַן מויל. פֿאַר דעם בעט איך דיר דו זאָלסט מיר מוחל זײַן.

דעם געדאַנק אַז מענטשן ווערן געבוירן אין איינעם מיט זייער גורל, האָבן הפּנים אַרויסגעזאָגט די וואָס האָבן געהאַט אַזאַ דער-פֿאַרונג. מײַן אורטייל איז אונטערגעשריבן געוואָרן נאָך אין "אָנהייב פֿון מײַן ווערן". עס בלײַבט נאָר אויפֿצופּענען דעם קאָנווערט.

אַ גוטע נאַכט. איציק

May 23 — 1934

Your highness — —
This Saturday and Sunday, I want to have you all for my self, please don't make any arrangements. After all it is four years I haven't seen you. If I mean anything to you I hope yon will grant me this opportunity. Don't you realize that I still love you! And even more than I could perceive. I will come on Saturday 11 in the morning and I hope to find you in good health.

be good
Freiman

(פֿאַרטײַטש)

אייער מאַיעסטעט — —
דעם שבת און זונטיק וויל איך דיך האָבן בלויז פֿאַר זיך אַליין. איז אדרבא, כ׳בעט דיר, פֿאַרבינד זיך נישט מיט קיינעם. ס׳זענען דאָך שוין פֿאַרט אַוועק פֿיר יאָר זינט איך האָב דיך געזען. אויב איך האָב נאָך עפּעס אַ ווערט בײַ דיר, וועסטו מיר, האָף איך, שענקען אָט די געלעגנהייט. באַנעמסטו ניט אַז איך האָב דיך נאָך אַלץ ליב! און נאָך מער אַפֿילו ווי איך אַליין באַנעם. איך וועל קומען שבת עלעף אין דער פֿרי און איך האָף דיך צו טרעפֿן אין בעסטן געזונט.

זײַ גוט
פֿרײַמאַן

My dear — —

One thing I noticed when I met you on 14 street, is, that you derive a certain pleasure from another persons pain, and that you like to bathe in ones blood. But my blood is too costly for you, and even loves treasure will not realy pay for it.

Ecce Homo

מײַן טײַערע — —

איין זאַך האָב איך באַמערקט ווען איך האָב דיך אָנגעטראָפֿן אויף דער 14-טער גאַס, אַז עס טוט דיר אַ געוויסע הנאה פֿון אַ צווייטנס לײַדן, און אַז עס געפֿעלט דיר צו באָדן זיך אין יענעמס בלוט. אָבער מײַן בלוט איז צו טײַער פֿאַר דיר און אַלע אוצרות פֿון ליבע וועלן נישט גענוג זײַן צו באַצאָלן פֿאַר דעם.

אָט דאָ איז ער מיט דער דערנער-קרוין.

צווייטע טייל

לידער

קיינער ווייסט ניט

...דיר..

קיינער ווייסט ניט דעם באַשייד פֿון צונויפֿגעפּרעסטע ליפּן
פֿון האַרטן שווײַגן —
פֿון אַ פֿעלדזן סוד אין ווײַטער נאַכט
נאָר מיר איז גרינג אַזוי
נאָר מיר איז אייגן
מיט הוילע בליקן טרינקען בלאָנדע פֿרייד . . .
כ׳בין שוין געוווינט פֿון מענטשנס פֿרעגנדיקע בליקן
זיי מאָנען אויס בײַ מיר אַזוי פֿיל איבעריקע רייד
כ׳וואָלט הײַנט געוואָלט פֿון אַלעמען פֿון זיי אַנטלויפֿן
כ׳וואָלט הײַנט געוואָלט — נאָר זיך אַליין דערפֿילן.

יאַנואַר 1930

אַ בריוו

אין דער שעה
ווען האַרבסט הויבט אָן צו גיסן
מיט גאָלדיק רויטן אומעט
פֿון טעג פֿון עלנטע אויף גוססדיקע גאַסן,
וואַקסט אויס פֿאַר מיר, פֿאַר מײַנע אויגן
קלאָר און שנײַדנדיק דײַן ליכטיקער געשטאַלט.
ווערט מיר גוט אַזוי און פֿײַנלער גרינג
צו גיין מיט פֿעסטן גאַנג — דעם קאָפּ געהויבן
צום טויט — צו דיר אַנטקעגן.

צו J. B.

אויף די בלויע ברעגן פֿון פּאַסיפֿיק —
דאָרט, וווּ די זון האָט קיינמאָל ניט קיין שליטה,
איבער די קילע ווינטן,
וואָס ליגן שיכטנווייז באַהאַלטן
צווישן זיינע שפּילעוודיקע כוואַליעס;
דאָרט שווימען ווייסע יאַכט-שיפֿלעך אַרום,
ווי בלאַנדזשענדיקע ווייסע פֿייגל;
דאָרט טוליעט זיך אַצינד
די רייכע זעט — אין נעסטן רו.

און איך, וואָס זיץ באַ דער מאַשין
אין טייכן שווייס —
און וואַרף ווי אַ משוגע'נער מיט יעדן אבֿר,
דאַרף אויסשטרעקן מײַן האַלז צו אַ פֿאַרשטויבטן פֿענצטער
און וואַרטן —
אַז כאָטש אַ שאָטן פֿון אַ ווינט זאָל מיך אַרומנעמען,
און אָפּווישן דעם זינדיקן שווייס
פֿון מײַן צעפּאַרעטן שטערן.

און דו, מײַן האַרץ —
כאָטש כ'ווייס דו האָסט מיך פֿײַנט,
און מערער ווי אַ פֿרײַנט —
זאָגסטו —
קאָנסטו מיר ניט זײַן —
דאָך, בריט מיך שטילערהייט,

ווען כ׳טו אַ טראַכט,
ווי שווער עס לייגן זיך אויף דיר
די שפּעטע אַרבעט-שעה׳ן —
ווי ס׳קלעפּן זיך די קליידער צו דיין לייב
ווי נאַסע שמאַטעס —
צו אַט דעם פּיין-געשניצטן לייב —
וואָס אַפּילו דעם סקולפּטאָר ראָדין
האָט זיך ניט גע׳חלומ׳ט
אין זיין צענטן חלום.

P. S.
איך לייען דעם ״צויבער-באַרג״
פון טאָמאַס מאַן;
ווי פּיין

ער מאָלט דאָרטן דעם אונטערגאַנג פון מיטל-קלאַס —
מיר דאַכט זיך אויס —
די גאַנצע וועלט איז איצט איין גרויסער פּאַנסיאָן,
ווייַל ס׳שטייט דער טויט שוין אָנגעגרייט בייַ איר צוקאָפּנס.

נאָר ס׳הערן זיך די שווערע טריט
פון ״הויפּראָט בערנעס״,
וואָס רודערט דורך, מיט הענט, ווי לעבעדיקע וועסלעס,
און שמייכלט זיכער...
דו ווייסט מסתם —
אַז כ׳מיין דערמיט דעם וועלט-פּילאָט,
דעם פּראָלעט,
וואָס וועט
אויף יעטוועדן ים,
פונעם אַרקטיק ביז פּאַסיפיק,

אויף דעם גאַנצן, לאַנגען וועג, —
צווזעגלען זיין רויט־באַפּלאַגטע
רעטונג־שיף
צו דעם שיינעם, בלאָען ברעג.

דעם פינפטן אויגוסט ניינצן דרייסיק

איך האָב דיך פֿײַנט! דו בלאָנדער טײַוול מײַנער
אויף דינע שפּיצן פֿינגער טאַנצט דער טויט
אַרומגענומען מיט דײַן שמייכל
און ס׳לאַכן דײַנע אויגן —
ווי פֿון דורזיכטיקסטער טיף
דער פֿאַקלענדיקער אָפּגרונט
וואָס נאַרט דיך כלומרשט מיט זײַן שפּיגל-פֿלאַך
און מיט די שיינע שטיינדעלער, וואָס האָבן ניט
מיט ועמען זיך צו ~~שפּיגלען~~
שפּילן

נאָר אפֿשר דאַרף איך גאָר זיך שטעלן אויף די קני
און תּפֿילה טאָן צו דיר פֿון נאַכט ביז פֿרי
ווי אַ וואַנזיניקער בעטלער אויף פֿאַרלאָשענע וועגן
און ס׳זענען דײַנע פֿינגער גאָר אַן אויסשטראַלונג פֿון גאָט
וואָס שפּילן זיך מיט מיר אין ״כאַף דעם שטן״.

אַן אויסשטראַלונג פֿון גאָט, דו — אויסגעטראַכטע
כ׳פֿאַרשעלט דאָס האַרץ וואָס באָדט זיך ווי אַ הונט
אין בלוט פֿון גליענדיקער בענקשאַפֿט
און ליב איז מיר די פֿינצטערניש וואָס רוט אויף מײַנע אויגן
ווײַל כ׳קען נישט ~~אויסשטעלן~~ די האַנט אַן אויפֿגעמאַכטע...
אויסשטרעקן

בייטאָג

כ׳טראָג יעדן טאָג
אין טומלדיקן אינגעווייד
פֿון אומרו שטאָטישן
זײַן אייגענעם באַשייד.
און ווו עס זאָל
די הייסע זונען-קויל
פֿון מיטן הימל
פֿאַלן,
וועט דאָרט אַן אויפֿרײַס זײַן;
וועט נאָך אַ מאָל מײַן האַנט,
וואָס איז געוווינט
אָן ווילן
דעם שווערן האַמער הייבן
דערפֿילן אויף די לאַנג-געגאַרטע פֿרייד
אַ קוועטש צו טאָן אַ ביקסן-צינגל;
און פֿרי אין פֿראָסטיקן
דערהערן
דעם ווײַטן אָפּהילך פֿון אַ קויל,
וואָס האָט געטראָפֿן.

עס וועט קומען

אָ, גיט מיר שפּראַך
אָ, גיט מיר אָטעם
כ׳וויל דערציילן פֿון דעם טאָג
ווען די גאַסן
פֿון דער שטאָט ניו-יאָרק
האָבן געפּלאַצט
מיט דונערדיקע אויסגעשרייַען
פֿון דעם פֿאַראייניקטן פֿראָנט !
— — — — — — — —
רייען, רייען
ווי הייסע צעשמאָלצענע לאַוועס,
אויסגעוואַרעמטע
אין דעם אינגעווייד
פֿון אַ ווולקאַן,
האָבן פֿאַרפֿלייצט
די זוניקע גאַסן
פֿון דער אימפּעריע שטאָט
ניו-יאָרק !

פֿרייַע
מונטערע
זיכערע
אין זייער טראָט
די ״רעספּעקטאַבלע״ בירגער
האָבן אָפּגעשפּרונגען אין אַ זייַט,

ס׳איז צו הייס פֿאַר זיי!
עס שמעקט מיט פּולווער!
כאָטש קיינער האָט (דערוויַיל)
קיין ביקס געטראָגן
און די קאָלאָנעז
קען מען אַפֿילו צו קיין סטרונע
ניט פֿאַרגלייכן.
נאָר ס׳האָט יעדער געבויגענער אָרעם
געגעבן אַ שבֿועה
אונטערן פֿרייַען הימל,
אַז ווען די צייַט וועט רייַפֿן
ווען די צייַט וועט קומען...

קוילנגרעבער סטרייק

אַ לייב, אַ טויזנט קעפּיקער האָט זיך צעברומט איבער די ווייכע קוילן
פעלדער,
אַ ווינט אַ הונגעריקער וואָיט אַרום פאַרהאַקטע גריבער;
אוןביידע טראָגן זיך מיט שטורעם אויפמאָנען די רויב,
און ביידע פאַלן זיי אין שלאַכט — העלדיש גרייט.

ס׳קאָרטשעט זיך דאָס גאַנצע לאַנד אין הונגער קראַמפּן,
און דרייט זיך,
ווי אַן אָפּגעבריטער הונט אין אַ פאַרכישופט קרײַז
נאָר דאָרט האָבן זיך שוין די ערשטע פײַערן צעברענט
און טראָגן זיך, ווי אַ פּלוצמדיקע וואַלד-שריפה אין מיטן נאַכט
פון בוים צו בוים —
פון שטאָט צו שטאָט.
און וועקן צום אויפשטאַנד.

האָט דערקייקלט זיך אַהער אַ ברויזנדיקע מענטשן-לאַווע;
און פון דער הויך, פון אַ הילצערנעם געשטעל
פּלאַטערן די דראָענדיקע פאָנען
די מאָנענדיקע רייד
פון דעם מײַנערס אויסגעצערטע קינדער:
"ווי לעבעדיקע קבֿרים ליגן דאָרט צעוואָרפענע די קוילן-גרובן
און אונדז האָט מען פאַר מוילווורפן געהאַלטן, וואָס גראָבן מיטן נאָז
די ערד
און בענקען קיינמאָל ניט נאָך זון,
נאָר האָבן מיר די שיַין פון טאָג —

איין מאָל שוין דערזען
נאָר האָבן מיר דעם שאַרפֿן ריח פֿון דרייסטן קאַמף —
איינמאָל שוין דערשמעקט ;
קען נאָר דער טויט אונדז אומקערן צוריק אין טוכלע קבֿרים"
דעם מייַנערס יונגסטע טאָכטער רעדט —
און ס'דאַכט זיך אויס
דער גאַנצער ערד-קעלער וועט באַלד זיך אָפּרייַסן פֿון אָרט ;
"וויפֿל זענען טויט ?
מיר ציילן ניט !
מיר ציילן די וואָס לעבן".

איך בין שוין מיד צו טראָגן אויף מיינע אַקסלען

דער שיקזאַל שפּילט מיט מיר אַ טײַוולשע שפּיל
פֿאַרוואָס האָט ער מיר געוויזן דיווירקלעכקייט פֿון מײַן טרוים
און אַזוי אַרום, אים אָפּגעהאַקט די פֿליגל. און איצט איז מײַן גורל
בײַ דיר אין די הענט. איך באַדויער עס ניט. עס האָט אַנדערש ניט געקענט זײַן.

זײַ גרויסמוטיק. אויב דו קענסט מיך ניט קרוינען מיט דײַן ליבע
בענטש מיך מיט דײַן האַס. אָבער לייז מיך אויס פֿון דער שרעקלעכער לאַגע פֿון אומבאַשטימטקייט.
די וועלט איז פֿול מיט אַ סך גרויזאַמקייטן. מיר איז באַקאַנט אַ פֿאַראורטיילטער
וואָס מען האָט אים פֿאַרמישפּט, אַז יעדן אינדערפֿרי זאָל מען אים אָפּצאַפּן
איין אונץ בלוט, אַזוי, ביז זײַן סוף.

פֿאַרוואָס זענען מײַנע ליפּן שטענדיק צונויפֿגעדריקט; און מײַן צונג
שטענדיק פֿאַרפֿעסט צו מײַנע פֿאַרשטעמפּערטע ציין. אַזוי ווי בײַ אַ וואַנדערער אין דער ווײַט.
אָ, ווען איך זאָל דיך כאָטש איין מאָל צודריקן צו מײַן האַרץ. כאָטש איין מאָל
אויסקושן די ווינקלען פֿון דײַן מויל. די קוואַלן פֿון דײַן נשמה־צאַרטקייט
ווײַל אין די ווינקלען פֿון מויל ליגט באַהאַלטן דײַן מענטשנס נשמה!

האָפֿנונג! איך בין שוין מיד דיך צו טראָגן אויף מײַנע אַקסלען
נעם מיך אויף דײַנע פֿליגל און טראָג מיך אַוועק אין דעם לאַנד פֿון אייביקער רו.

אונזער אָוונט-ברויט

מיר לאָדן אויס אונזערע טעג,
ווי שווערע זעק מיט תּבֿואה,
בײַם שײַער פֿון דער וועלט
און עסן אונזער אָוונט-ברויט
אין ליידיקע וואַגאָנען
יעדערער פֿאַר זיך אַ ביסן.

פֿאַר אונזער אָוונט-ברויט איז דאָ אַ וואָג אַזאַ —
ס'איז אונזער נויט, געוווינגן און געמאָסטן,
בײַם שײַער שטייט אַן אַלטער קמצן
און שאַרט פֿון זײַנע דאַרע הענט אַראָפּ,
ווי בייזע פֿליגן פֿון אַ בייסנדיקן אָרט,
פֿאַר אַ טראָפּן שווייס אַ גראָשן,
פֿאַר אַ טראָפּן בלוט אַ צווייטן.

דערפֿילטע גבורה

ווי עס איז געוווינט די האַנט צום שווערן האַמער,
איז געוווינט דאָס האַרץ צו קלאַפּן שווער און שטייף.
נאָר כ׳קאָן שוין מער אין זיך די פֿרייד ניט צאַמען
און כ׳מוז אַ זעץ טאָן אויך אַ ליד פֿון צײַט צו צײַט.

כ׳בין אָנגעזעטיקט פֿול מיט ווילדער קראַפֿט —
מיט פֿעסטן אימפעט פֿון עלעקטרישע טורבינען
און ווי אַן אויפֿגעאַקערט פֿעלד, מיט רויער פֿרילינג-זאַפֿט,
מיט אָוונטיק פֿאַרהאַרעוועטער שטילקייט.

ווערט קלאָרער, נאָגנדיק, און פֿיינלעך שווערער
דער בלענד פֿון אָוונט-שפיל — די מאָרגנדיקע בענקשאַפֿט.

וואָס קען פֿראָסטער זײַן פֿון פֿראָסטן אמת
אין מיטן העלן טאָג, ווען פֿינגער זענען פֿיבערדיק פֿאַרטאָן
מיט פֿײַלן און מיט שרויפֿן —
און אויגן אײַנגעביסן טיף, אין גלאַנץ פֿון בלאָען שטאָל,
אַלע טאָג אַזוי, ווען ס׳שלאָגט דער זייגער צוועלף,
איז יעדער פֿײַף אַ וואָרענונג פֿאַר אַלע,
איז יעדער פֿײַף אַ ליכטיקער דערמאָנען.
און מיט אַלעמען, אין העמדלעך בלאָע און גראָע,
זינג איך אויס דאָס ליד פֿון אייגענער דערפֿילטער גבֿורה.

אין פאַל פון קריג

אָ, שטאַרק זיך האַרץ,
און ווער פֿאַרהאַרטעוועט
ווי דאָס פֿאַרברוינטע שטאָל,
וואָס האָסט פֿון קינדווייז אויף
מיט שטומער ליבע —
צוגעדריקט צו זיך,
ווייל קיין בעסער שפּילצײַג
האָט דיר דײַן גורל ניט געגעבן.
עס שלאָגט די שעה און יעדער אויגנבליק
קאָן זײַן אַ שאַרפֿער צייכן —
ווען אויף אָט-די שטײַפֿע, ביינערדיקע רײַפֿן,
וואָס האַלטן דיך אין צוים —
וועט זיך אַ ברייטער גלאַנצנדיקער רימען
איבערקרייצן —
צוגעטשעפּעט צו אַ ביקס —
אַן אָנגעלאָדענער מיט קאַלטן טויט.

זײַ רואיק דאַן,
אין אָט דער שווערער פּרוווּנדיקער שעה;
גיי שטיל אַרויס פֿון שטאָט —
צום טאַקט פֿון זעלנער טריט,
און פֿון פֿאַרטויבנדיקער מוזיק.

און ווען דו גרייכסט
צום גרענעץ פֿון דער שחיטה;

און ווען אַלץ איז גרייט צום בלוטיקן געפּעכט —
ווער טויזנטפּאַכיק שטאַרק,
און לאָז אַרויס אַ ברום ווי פֿון אַ צערייצטן לייב:
חבֿרים!

און דאָן וועל איך, מיטביידע הענט
זיך איינגראָבן,
אין דער פֿרישער פֿרילינגדיקער ערד,
און אויפֿהויבן אַ פֿולע זשמעניע פֿרילינגדיקע ערד,
און אויסשרײַען מיט דער קראַפֿט פֿון אַ צערייצטן לייב:
חבֿרים!

אָט די זשמעניע פֿרילינגדיקע ערד —
ניט גרעסער פֿון מײַן פֿויסט,
איז אויסגעווייקט מיט יונגן צאַפּלדיקן בלוט,
פֿון אַרבעטער און פּויערים —
אַזוי ווי איר —
אין פֿאַרשיידנפֿאַרביקע מונדירן.

אָט די זשמעניע פֿרילינגדיקע ערד,
ניט גרעסער פֿון מײַן פֿויסט —
ווען כ׳וואָלט זי פֿעסט אַזוי צונויפֿגעדריקט,
וואָלט איר דערהערט —
דעם גסיסה-קרעכץ
פֿון מיליאָנען יונגע צאַפּלדיקע לעבנס —
אַזוי ווי איר —
אַרבעטער און פּויערים,
אין פֿילקאָלירנדיקע אוניפֿאָרמען.
איר וואָלט דערהערט —
דעם גרילץ פֿון קריצנדיקע ציין —

איר וואָלט דערזען,
אין שרעק צעפּראַלטע אויגן ;
אין אָנגעזיכט פון טויט,
וואָס ווילן —
אומזיסט און אומנישט ניט שטאַרבן.

און ווען עס וועט,
אין פאַרטיידיקונג זיך צעשאַלן,
דער פלאַמענדיקער רוף
פון סאָוועטן-לאַנד,
ווו אַלץ איז אונזער קראַפט
און אַלץ איז אונזער מאַכט —
זאָל אונזער צאָרן
ווי אַ שטורעם-ווינט זיך אומקערן
אויף די קעפּ פון די באַדריקער
און אָנצינדן אַ פייַער בראַנד
אין יעדן בורזשוי-פאַשיסטיש לאַנד !

צום ערשטן מאַי

אומרו,
בלוט,
רעוואָלט —
שטורעם —
אויף אַלע פֿיר זײַטן
פֿון וועלטישן זייגער
איז אַלץ נאָך פֿאַרבליבן
אַ שעה ביז צום טאָגן.
די ווײַזערס —
ווי אַ שוואַרצער פֿאַרטריקנטער שניט
אויף דער ברוסט פֿון אַ טויטן
הענגען פֿאַרגליווערט;
און וואַרטן —
פֿון שאַכט-הייל און זאַוואָדן
זאָל קומען דער ריז
אויף דעם לייטער פֿון שטורעם —
און אַ זעץ טאָן דעם גולם אין נאָפּל!...

— — — — — — — — — — — — —

זיי קומען, זיי קומען, די שטאָלענע רייען,
מיט געקייטלטן טראָט, און מיט פֿאָנען, ווי פֿלאַמען;
און ס׳צינדט זיך די וועלט אין דעם האַס פֿון מיליאָנען
און ס׳לײַטערט זיך אויס דער טאָג פֿון באַפֿרײַען!

דאָס ליד פֿון מר. אונטערגייער

לאָמיר אומוואַרפֿן דעם עמפּייער סטייט,
און אויף זײַן אָרט
אויסבויען אַ צווייטן
פֿון דעם זעלבן סאָרט;
מיט זילבערנע קופּאָלן
און אַ טורעם וואָס לײַכט,
אַזוי האָט געטראַכט מיסטער אונטערגייער,
בשעת ער איז געזעסן אויפֿן פֿיר און אַכציקסטן שטאָק
פֿון דעם עמפּייער
און געראויכערט זיין גראָבן האַוואַנאַ ציגאַר,
אפֿשר טאַקע שוין דעם לעצטן.

און ווען דער צווייטער וועט פֿאַרטיק ווערן,
לאָמיר אים ווידער איבערקערן
און אויסבויען אַ דריטן
פֿון דעם זעלבן סאָרט —
מיט זילבערנע קופּאָלן
און אַ טורעם וואָס לײַכט,
אַזוי האָט געטראַכט מיסטער אונטערגייער
און דאָס אַש פֿון זיין גראָבן האַוואַנאַ-ציגאַר
איז געפֿאַלן אויפֿן לעצטן נומער "אַנאַליסט".

אַז די שפּייכלער זענען פֿול מיט קאָרן
און די קוילן-גרובן פֿול מיט קוילן
און די באַנען זענען גרייט צום לאָדן

און די וועגן זענען פֿיין געפֿלאַסטערט,
(און אַלע וועגן, ווי זאָגט מען, פֿירן דאָך קיין רוים),
און רוים איז דאָך אויך געפֿאַלן — — —

ער דערמאָנט זיך די רייד פֿון זיין גרויען פּראָפֿעסאָר:
אַז די געשיכטע איז ווי אַ גרויסער שפּיגל
וווּ די מענטשהייט קוקט אַמאָל אַרײַן
און ווו נאַראָנים שטעקן זיך אַליין אַרויס די צונגען
און חכמים שמייכלען מיט באַהאַלטענעם פּײַן.

איז אפֿשר וואָלטן מיר זיך אינגאַנצן אויסטאָן נאַקעט
און פֿאַרדעקן די שאַנד מיט דער פֿעל פֿון אַ לעמפּערט
און צעלייגן אַ פֿײַער אין מיטן פֿון טײַמס-סקווער
און אויסטאַנצן דעם טאַנץ פֿון לעצטן מאָהיקאַנער!

צי נאָר באַפֿעלן די אַסטראָ-פֿיזיקער
זיי זאָלן שנעלער סטימולירן
אַ צוזאַמענשטויס פֿון די פּלאַנעטן,
פֿון מײַנעטוועגן זאָל דערווײַל זײַן מיטן פּלאַנעט ווענוס,
כאָטש מײַן לאַנגווײַל גרייכט אַזש צום שטערן אַרקטורוס.

אַזוי האָט געטראַכט מיסטער אונטערגייער
אויפֿן פֿיר-און-אַכציקסטן שטאָק
פֿון דער עמפּייער,
און דער רויך פֿון זיין גראָבן האַוואַנאַ ציגאַר
האָט פֿאַרנעפּלט זיין גרויסן געשיכטע-שפּיגל.

נאָוועמבער

1

נעכטן איז געווען אַ כמורנער טאָג.
די נאַקעטקייט פֿון די בוימער
האָט זיך געוואָרפֿן אין די אויגן,
און די נאָוועמבער-ווינטן
האָבן געשמיסן אין די אויערן
די קאַלטע וואָרענונג
פֿון קנאַקנדיקע פֿרעסט.

די וואָס טראָגן פֿינף יאָר אַ קלייד,
און דרײַ יאָר אַ פּאָר שיך,
פֿאַרשטייען די שנײַדנדיקע רייד
פֿון אַ ווינטיקן נאָוועמבער-טאָג.

דאָס לײַב בענקט נאָך אַ וואַרעם קלייד,
ווי דער לעצטער געליבטער נאָך דעם אָטעם פֿון זײַן ליבסטער.

און ווען דאָס גליק געשעט —
און דאָס לײַב דערפֿילט
דעם וואַרעמען גלעט
פֿון אַ נײַעם קלייד —
דעמאָלט דערפֿילט מען דעם אָנהויב פֿון דער וועלט,
פֿון דער באַשאַפֿונג — דעם באַשייד!

און ווען דאָס גליק געשעט ניט —
און דאָס לײַב בלײַבט פֿאַרשפּאָט און פֿאַרלאָכן —
דעמאָלט איז דער טויט, אַמאָל,
די זיכערסטע שוץ — פֿאַר דעם שוואַכן.

כאָטש מײַן מאַמע טענה'ט נאָך אַלץ,
אַז איין ~~גננטעב~~ נגיד איז נאָך בעסער גלטער
פֿון צען אויפֿגעקומענע קבצנים,
נאָר דאָס וואָס מען גיסט מילך אין די טײַכן,
און מען וואַרפֿט גרינוואַרג אין ים'ען פֿאַרנאַנד
און מיט "ריינעם" ווייץ הייצט מען די אויוונס,
דאָס איז שוין קעגן איר פּשוט'ן פֿאַרשטאַנד.

די אַמאַליקע פּריצים זענען שוין בעסער געווען.
אויף פּסח פֿלעגן זיי צעטיילן זעק מיט ווייץ
פֿאַר זייערע פּויערים — און אַפֿילו האָלץ צום הייצן —
ווען דאָס גערעטעניש איז געווען גרויס;
הײַנט קריגסטו אַפֿילו ניט אַ זערנע אומזיסט,
זאָלסט זיך אַפֿילו אויסשטרעקן אויפֿן הוילן מיסט.

2

נעכטן איז געווען אַ כמורנער טאָג.
אַ וואַנזיניקע האַנט האָט פֿון פֿאַרצווייפֿלונג
זיך געזעגנט מיט נאָך אַ טיראַנישן קאָפּ.
אַ גרויסע קראַנקע וועלט ראַנגלט זיך מיטן טויט.
און באַלד וועלן צעיושעטע אַרמייען
זיך מיט בלינדער שנאה וואַרפֿן
איינער אויפֿן צווייטן —
און זיך פֿאַרניכטן,

און זיך צעשעטקעווען
מיט שווערדן-שאַרפֿן.

און דאָס אַלץ וועט געשען —
צוליב וואָס? און פֿאַר ווען?
צו שטילן די לוסט פֿון אַ טיראַן,
צו פֿאַרדעקן די אימפּאָטענץ פֿון הערשער,
וואָס קאָנען מער ניט אויף קיין פֿאַל
אויסגלײַכן די ווידערשפּרוכן
פֿון איינצעלנעם באַזיץ —
מיט דער שפּע פֿונם כלל!

3

נעכטן איז געווען אַ כמורנער טאָג.
בין איך אַנטלאָפֿן צו די אַלטע געשיכטע-ביכער,
זוכן דאָרט אַ טרייסט, אַן אָנהויב, אַ פֿאָדעם,
צו דעם פֿאַרדרייטן קנויל פֿון מענטשן, טאַטן,
און מײַן מוח איז גאָרניט זאַט געוואָרן;
און מײַן בלוט האָט אָנגעהויבן זידן
אונטער דעם געברויש פֿון זיידנס נײַע,
שוימענדיקן ווײַן, און ווילדע אָרגיעס
פֿון מענטש מיט חיה.

... אַ גרופּע גלאַדיאַטאָרס ליגן אין אַ שטייג
און וואַרטן אויף דעם טויט — די שעה פֿון דעם געפֿעכט.
און ליגנדיק אַזוי, צונויפֿגעקנוילט אין שרעק,
האָט עפּעס אויפֿגעוואַכט אין זיי — דער פֿונק — דער מענטש!

און מיט דעם איבערפֿלוס פֿון קרעפֿטן
האָבן זיי, ווי איינער, זיך אַרויסגעריסן אויף די גאַסן,

און אַליין, ווי לייבן, זיך געראַנגלט פֿאַר זייער לעבן.
און דאָס אַלץ איז דאָך געשען —
פֿאַרוואָס? און פֿאַר וועמען?

נעכטן איז געווען אַ כמורנער טאָג.
בין איך צו די אַלטע געשיכטע-ביכער אַנטלאָפֿן,
זוכן דאָרט אַ טרייסט, אַן אָנהייב, אַ פֿאָדעם — — —
נאָר היינט, ערבֿ דעם זיבעטן, דעם קלאָרן,
ערבֿ דעם סוף פֿון די סופֿ'ן,
איז מיר, דעם עבֿד-עבֿדים,
פֿריי און ליכטיק געוואָרן!...

קאַרל מאַרקס

"זאָל ווער עס וויל זיך לעבן ווי אַ בהמה,
איך וואָלט ניט געקאָנט רואיג שטאַרבן,
ווען מײַן ווערק וואָלט געבליבן אומ-
פֿאַרענדיגט".
(קאַרל מאַרקס בריוו צו קוגלמאַן)

כ'האָב זיין נאָמען דערהערט,
ווען אויפֿן טיש פֿון מײַן אָרעמער הויז
איז אַ לעצט שטיקל ברויט נאָך פֿאַרבליבן.
כאָטש אַ מיל איז געשטאַנען ניט ווײַט פֿון מײַן הויז
מיט באַלויכטענע שויבן און אַ קוימען מיט רויך,
און פּויערים מיט פֿורן געלאָדן מיט קאָרן
פֿלעגן קומען פֿאַרטאָג, ווען די זון איז געשלאָפֿן,
און וואַרפֿן זייער מי אין די שטאָלענע וואַלצן.
די מיל האָט "געבייטלס" די מעל, ווײַס ווי די זון,
נאָר די פּויערים פֿלעגן צוריקגיין מיט ליידיגע פֿורן,
און די מעל איז ווי פֿון אַ כישוף פֿאַרשוווּנדן.
און דאַן, כאָטש אַ צען-יאָריג אינגל,
כ'האָב גענומען באַגרייפֿן,
אַז עמיץ פֿאַרבאָט דאָ די "ווערטן":
אַז אַ וואָגן אַ פֿולער געלאָדן מיט קאָרן
איז פֿיל "מערער ווערט", ווי אַ וואָגן אַ פּוסטער.

1

מאַרקס — דער אַנאַטאָמיקער פֿון היסטאָרישע עפּאָכן,

ער האָט אויף דעם ערשטן בלאַט
פֿון זיין געשיכטלעכער פֿאָרשונג
אויפֿגעשריבן די פֿייערדיגע מאָטאָ:
„די געשיכטע פֿון דער ביז איצטיגער מענטשהייט
איז די געשיכטע פֿון קלאַסן־קאַמף".
אָט דער אוניווערסאַלער אמת
ווערט אונז נעענטער מיט יעדן טאָג, וואָס גייט פֿאַרביי.
און יעדער זון אויפֿגאַנג קאָן ברענגען די אַנטשיידונג.

ער האָט אַנטדעקט אין די טוכלע שפּייכלער פֿון די קאַטוילישע קירכן
די ערשטע שפּראָצן פֿון מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם.
ער האָט אַנדעקט אַז דאָס אָנגערויבטע גאָלד,
דער אויסגעקוועטשטער פּראָצענט פֿון די פֿאַרפּייניגטע פּויערים,
איז די באַזע פֿון היינטיקן אימפּעריאַליסטישן און קאָלאָניאַלן רויב.
נאָר דאָס היינטיקע גאָלד, וואָס פּולסירט אין די אָדערן פֿון דער
„מענטשהייט".
אין וועמענס נעמען מען האָט פֿאַרבראָכט דרייסיג מיליאָן מענטשלעכע
לעבנס,
אין וועמענס נאָמען מען צעשעכט צענטויזנטערוויז די כינעזישע מאַסן,
טראָגט שוין אויך אין זיך דעם סם פֿון זיגרײַכער מרידה.

ער האָט אַנטדעקט, מיט אַ האַרץ וואָס קלאַפּט אין היץ פֿון ליבשאַפֿט,
דעם שוידערלעכן, הימלשפּאַלטנדיגן געזעץ פֿון מער־ווערט,
אָט דעם רויבערישן, געזעצלעך־באַגרינדעטן פּראָצעס
פֿון אויסקוועטשן טראָפּנווייז דעם פֿיזישן און גייסטיקן זאַפֿט
פֿון דער איבערוויגנדיקער מערהייט פֿון דער מענטשהייט:
„פֿרייע", באַזיצלאָזע, עקספּראָפּריאירטע פּראָלעטאַריער.

ער איז געשטאַנען אויף די שטורמישע כוואַליעס פֿון עקאָנאָמישע
קאַטאַסטראָפֿעס,

און מיט דעם אויג פֿון אַן אָדלער דערבליקט דעם אָפּגרונט,
און מיט דעם אויג פֿון אַ נבֿיא — דערבליקט דעם אויפֿגאַנג פֿון אַ
לויטערער מענטשהייט.

2

מאַרקס — ער האָט אין יעדער באַפֿליגלטן וואָרט פֿון די פֿילאָזאָפֿן
געהערט דעם וווּלגאַרן געשפּרעך פֿון סחורות.
ווייל "**ניט דער באַוווּסטזיין באַשטימט דעם זיין**, נאָר פֿאַרקערט:
דער מאַטעריעלער זיין פֿון אַ געוויסער עפּאָכע באַשטימט איר באַ-
וווּסטזיין".
אַ, ווען סחורות וואָלטן געקענט רעדן (אָדער לאַכן?),
זיי וואָלטן דערציילט פֿון די באַהאַלטענע כוונות פֿון פֿאַרקויפֿער,
וואָס דרשנט מיט אַן ערנסטער מינע וועגן דער "אַבסאָליוטער אידעע",
וועגן דעם "געטלעכן רעכט"
און וועגן דעם "דינג אַן זיך".
זיי וואָלטן אַרויסגעטראָטן אויף אַלע פּאַרלאַמענטאַרישע טריבונעס,
ווי די אמת׳ע פֿאַרשטייער פֿון פֿרייַהייט גלייַכהייט און ברודערליכקייט
וואָס די פֿראַנצויזישע בורזשויען האָבן פּראָקלאַמירט
ווי דאָס אומבאַדינגלעכע רעכט פֿון דער מענטשלעכער ראַסע!
זיי וואָלטן אַ זעץ געטאָן איבער די רונדע טישן פֿון דער פֿעלקער-ליג
און אויסגערופֿן: "היפּאָקריטן!
איר רעדט נאָך אין אייער אייגענעם נאָמען?"
אָבער די מענטשן, וואָס האָבן פֿאַרוועבט זייערע טעג אין דעם שטאָף
וואָס פֿאַרדעקט אייערע בייכער,
זיי גרייטן, **אייער סוף!**

מאַרקס! ער האָט מיט דעם פֿריידיקן צער פֿון אַ פֿאָטער
געוואַכט איבער די ערשטע קינדערשע טריט פֿון דער קאָמונע,
וואָס האָט געמוזט פֿאַלן!

און דאָרט האָט ער דערקאַנט אונז,
"דעם פּראָלעטאַריאַט אָרגאַניזירט אַלס אַ קלאַס",
און אויף זיינע דענקערישע ליפּן איז פאַרבליבן אויף אייביג
דער שמייכל פון אַ באַפרייטער מענטשהייט — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —

ווּ זענען זיי — די רעוויזיאָניסטן פון מאַרקסיזם?
זיי זיצן איצט ביי די רייכע טישן פון דער וועלט-בורזשואַזי
און זויפן דעם פעטן מאַרך-ביין פון קאָלאָניאַלן געיעג.
— — — — — — — — — — — — — — —

מאַרקס!
אויפן שייד-וועג פון דער מענטשלעכער געשיכטע
שטייט זיין שטורעמדיקער יורש — לענין.
עס שטייט דער שטאָל-פעסטער פּלאַנירער — סטאַלין.
עס שטייט דער זיגרייכער סאָוועטישער פּראָלעטאַריאַט
און ווייזט מיט אַ ריזיקן פינגער דעם וועג צו דער באַפרייונג.

3

דער מענטש — מאַרקס!
דער פאָטער — מאַרקס!
מאַרקס — דער נאָנטער כאַווער!
דער פאָעט מאַרקס! — אונזער ליטעראַרישער פאָטער,
מאַרקס — דער גליענדיקער...

"דער טויט איז ניט אַזוי שרעקלעך פאַר דעם וואָס שטאַרבט
ווי פאַר די וואָס בלייבן לעבן".

די עקספּלואַטירטע פון דער גאַרער וועלט
שטעלן זיך אויף אין דעם טאָג פון זיין דערמאָנונג.
מיר נויגן אָן אונזערע קעפּ אין טיפן טרויער

און הויבן אויף די רויטע פֿאָן איבער דעם ברייטן טויער,
פֿון דער אַלוועלטלעכער רעוואָלוציע.

פּראָלעטאַריער פֿון אַלע לענדער, פֿאַראייניקט אײַך!

נעם און צינד!

האָט אָוונט שוין באַשלאָגן טירן, פֿענצטער
מיט רויטן אומרו און באַגער נאָך רו;
און ס׳האָט די נאַכט, דער איינציקער געטרײַער שומר
שוין פֿאַרמאַכט דעם לעצטן טויער פֿון פֿאַבריק.
אין שטאָט אַצינד
אַ דרעמלענדיקער קאַלטער פֿעלדז בײַם ברעג פֿון ברייטע ימען
און ווי פֿון שלאַכט פֿאַררויכערטע אַרמייען,
שטייען גאַסן אויסגעשטעלט אין רייען
און וואַרטן שווײַגנדיק אויף רוף פֿון טאָג,
אויף רוף צו נײַע שלאַכטן.

נאָך פֿון פֿריער, נאָך פֿון לאַנג
איך ווייס ניט פֿון וואַנען,
אין טונקעלע טיפֿן פֿון אייגענעם שטאַמען,
כ׳האָב דערפֿילט און באַנומען
און אָוונט היינטיקער האָט מיר — מיט רויטן זון-פֿאַרגאַנג
דעם סוד פֿאַרטרויט — —
ס׳איז דאָ גראַניט,
נעם און צינד!

איך וואַרט אויף פריידיקן באַפעל

אַרומצולויפֿן שלינג און שלאַנג.
מ׳ט לעצטן אָטעם קוים דערטראָגן זיך אַהער
און דאָ, אינמיטן רויש פֿון גאַס,
אַ שפּרונג טאָן פּלוצים ווי אַן אָנגעצינדענער גראַנאַט
און קנוילן זיך אין רויך, אין פֿלאַם, אין טײַך פֿון אייגן בלוט,
און אויסזינגען דאָס וואַרעם נײַע ליד,
פֿון שטורעמיש דערוואַכנדיקע קנעכט,
קען עמעץ מיר פֿאַרשטערן אַזאַ יום-טובֿ?

אַ גאַנצן טאָג אַרומגעשפּאַנט אין קלעם פֿון שאַרפֿע קאַנטן,
אויף פֿאַרדרייטע טרעפּ געקלעטערט אַפּ און אויף;
געזען —
מיליאָנען מענטשן — מענגעס —
ווי אין אַ וואַלד האַרבסטיק — פֿאַרזשאַווערטע בלעטער,
טראָגן מידע זיך אַוועק
און ווערן מיטן טאָג פֿאַרשוווּנדן
און איצט אין יעדער הויז —
אין יעדן איינעם קאַמער
ליגט אַ קנויל אַנטשלאָפֿענער דינאַמיט.
צי בין איך גרייט, צי האָב איך שוין אַ ביקס?
איך בין שוין גרייט, נאָר כ׳האָב נאָך נישט קיין ביקס!
איך לאָד זיך אָן אַליין און בין אַליין אַ קויל אין שונא׳ס האַרצן,
און ס׳וואַרט מיט אָנשטרענגונג מײַן אויער אויף אַ פֿריידיקן באַפֿעל —
שיס.

מחכה לשמוע את פקודת האש

להתרוצץ פרוע ופרוץ.
כמעט בלי נשם להגיע עד לכאן,
ופה, בתוך רחוב סואן
לקפוץ פתאום כמו רימון מודלק
ולהצטנף בעשן ולהב, בזרם דם עצמי,
שר עד תומו השיר החם בחידושו
על עבדים שבסערה מתעוררים,
זו שמחת חג — מי זה יוכל לי להשבית ?

הילכתי כל היום בדחק פינות חדות,
עולה, יורד לולים של מדרגות ;
ההמונים, מיליונים בני אדם —
כמו עלים המחלידים ביער הסתוי —
עיפו והם נושרים ונישאים
ונעלמים עם הסתלקות היום.
ועכשיו בכל הבתים,
בכל המרתפים
מונחת פקעת דינמיט רדום.
האם אני מוכן, הכבר יש לי רובה ?
אני מוכן, אך עוד אין לי רובה !
אני מטעין עצמי ונעשה כדור בתוך לבו של האויב,
ומחכה, מאמץ אזני לשמוע את ששון פקודת האש.

(מיידיש : שלמה צוקר)

איציק פֿרײַמאַן מיט פריינד וואָס ער דערמאָנט אין זיינע בריון צו איטען